STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11648

DER LETSTER YUDISHER KORBN

Abner Tannenbaum

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער

לעצטער יודישער קרבן

אדער

דער קדוש השם פון לאהלן אין מאנאסטיר.

אהיסטארישער ראמאן.

פריא בעארבייטעט נאך זיכערע קוועלען.

פון **א. טאנענבוים.**

1.

דער קראנפרינץ זעהט לאה׳לען ווידער.

מיר האבען איבער געלאזען לאה׳לע מיט דער אלטער דאניא אינעז אין דער מינוט, ווען איהרע דיענער זיינען האסטיג אריין געלאפען און האבען געמעלדעט:

— דער קראנפרינץ מיט זיין סוויטע!

רבי מיימון האט געמוזט אנטלויפען אדער בלייבען בעהאלטען אין דעם צימער, וואו דאניא אינעז האט איהם בעהאלטען פון דיא ברידער פון דער היילגער הערמאנדאד. ער האט זעהר גוט געקענט שפאניען און האט געוואוסט, אז ווען דער קראנפרינץ קומט, פאהרען מיט איהם פיעלע אלגוואזילען, פאליסלייט און פיעלע ברידער פון דער היילגער הערמאנדאד.

ער האט זעהר גוט געוואוסט, אז דעם קראנפרינץ מיט זיין סוויטע וועט מען מוזען אפגעבען דיא בעסטע צימער, עס איז דאהער וואהר-

שיינליך

שיינליך, אז מען וועט איהם געפינען און מען וועט איהם פאנגען. ער האט דאהער געפונען פאר נעטהיג יעצט צו אנטלויפען.

יעצט איז עס איהם געוועזן ניט זעהר שווער, ער איז געוועזן אנגעטאהן וויא אשפאנישער בויער, ווען דער קראנפרינץ וועט אנקומען, וועלען אלע זיין בעשעפטיגט מיט איהם; ער, רבי מיימון, וועט דאן זעהר לייכט קענען ארויס געהן פון שלאס, קיינער וועט זיך ניט אומקוקען אויף אן'איינפאכען בויער, וועלכער געהט זיך לאנגזאם ארויס פון שלאס.

רבי מיימון האט עס גאנץ ריכטיג בארעכענט, ער איז זיך ארויס געגאנגען גאנץ רוהיג פון שלאס, ער האט געזעהן, וויא דער קראנפרינץ מיט זיין סוויטע, מיט זיינע געגעראלען, מיט זיינע דיענער, מיט זיינע מענשען זיינען אריין געפאהרען אין שלאס, און ער איז זיך גאנץ שטיל און רוהיג ארויס געגאנגען, קיינער האט איהם ניט געשטערט, קיינער האט איהם ניט אויפגעהאלטען, קיינער האט זיך זאגאר אויף איהם ניט אומגעקוקט.

דער קראנפרינץ איז געפאהרען קיין טאלעדא מוסטערן דיא ארמעע. מיר האבען שוין דער צעהלט, וויא דיא קעניגין איזאבעללא האט איהם אומיסטען אוועק געשיקט אהין, אום זיא זאל דער וויל קענען אוועק שיקען דיא שאהנע לאה'לע פון קארדאווא. זיא האט עס געמאכט גאנץ קלוג און עס וואלט איהר געוויס געלונגען, ווען דער קראנפרינץ זאל געוועזן זיין צוקריעגט מיט דעם גראס אינקוויזיטאר.

קוים איז דער קראנפרינץ צוריק געקומען פון טאלעדא, איז ער באלד געלאפען אין דאס צימער וואו דאניא אינעז האט געוואוינט מיט לאה'לע. — אין דיעזען צימער האט יעצט געוואוינט אגאנץ אנדערע האף דאמע.

— וואו איז דאניא אינעז? האט דער פרינץ געפרעגט האסטיג.

— איך ווייס עס ניט האט דיא האף דאמע געענטפערט.

דאן זשואן איז געוועזן אויסער זיך. ער האט באלד פערשטאנען וואס דא איז געשעהן. ער האט געוואוסט, ווער עס האט עס איהם אפגעטאהן, ער האט פערשטאנען, ווער עס האט אוועק געשיקט פון דאנען דאס שאהנע מאדכען, וועלכעס ער האט אזוי געליעבט.

— דאס האט מיין מוטער געטאהן! האט ער געזאגט צוא זיך אליין, זיא קען מיך אבער נאך ניט, זיא ווייס ניט, אז איך ליעב דיעזעס מעדכען און מוז זיא האבען. זיא מוז ווערען מיין פרויא אדער מיין געליעבטע!

ער איז געלאפען צוא זיין פריינד דעם גראס אינקוויזיטאר.

טארקוועמאדא האט געוואוסט, וואוהין דאניא אינעז איז געפארען

און האט עס געזאגט דעם קראנפרינץ. דאן ושואן האט יעצט געוואוסט, פאר וואס זיין מוטער האט איהם אוועק געשיקט קיין טאלעדא און ער האט געוואלט איהר ווייזען, אז איהרע חכמות האבען איהר ווענינ געהאלפען.

ער איז געגאנגען צוא זיין פאטער, האט איהם אפגעגעבען אפאל־שטענדיגען ראפארט פון דער ארמעע אין טאלעדא, האט געלויבט און געדאנקט זיין מוטער, וואס זיא פערטרויט איהם, אזא יונגען מאן, אזעלכע וויכטיגע אנגעלעגענהייטען און האט געבעטען זיין פאטער, ער זאל איהם ערלויבען פאהרען רעווידירען ארעגימענט סאלדאטען, וועלכער איז געשטאנען אין אשטאדטעל ניט ווייט פונ׳ם שלאס סאברענא, וואו דאניא איגעז האט געוואוינט מיט לאה׳לע.

— איך וויל מיך געוועהנען צוא קאמאנדירען, האט דאן ושואן געזאגט צוא זיין פאטער, איך וויל זיין ווירדיג צוא זיין דער זוהן פון קעניג פערדינאנד און קעניגען איזאבעללא. איהר פלעגט אלץ זאגען, אז איך בין אדומער יונג, איך בין שוין אויס געוואקסען, פאטער! איך קען שוין דיא שווערע פפליכטען (אביאזאנאסטי) פון אהערשער, לערן מיך פאטער! גיב מיר דיא געלעגענהייט זיך אויס צו צייכענען, גיב מיר דיא מיטעל דיר צוא בעווייזען, אז איך בין קיין דומער יונגע, זאנדערן אפרינץ

קעניג פערדינאנד האט צוואר ניט גיקענט פערשטעהן, פון וואנען עס קומט וואס דער קראנפרינץ האט זיך אזוי פלוצלונג געענדערט. ער האט גוט גיקענט זיין זוהן און האט געוואוסט, אז ער וואלט בעסער געבליבען אין הויף, וואו ער האט אזויא פיעל שאהנע האף דאמען אלס צוא פאהען אין אוייטעס שטעדטעל, וואו עס געפינט זיך ארעגימענט גארניזאן סאלדאטען. דענאך האט ער איהם ניט גיקענט אפ זאגען און האט איהם ערלויבט צוא פאהרען וואו דער קראנפרינץ האט געוואלט.

איך וועל שיקען מיט דיר מיין אלטען גענעראל מעדינא סידאניא האט דער קעניג געזאגט, פון אזא אלטען און פעהיגען גענעראל קענסטו פיעלעס לערנען.

— איך דאנק דיר פאטער! האט דער קראנפרינץ אויס גערופען! איך וויל לערנען און פערשטעהן דיא גרויסע קונסט צוא קאמאנדירען אנ׳ארמעע.

ער האט געקושט זיין פאטער דיא האנד און איז אוועק פון איהם פול פרייד. דעם אנדערען טאג אין דער פריה איז ער ארויס געפארען, ער איז אבער ניט געפאהרען אין שטעדטיל וואו דאס רעגימענט איז געשטאנען, זאנדערן אין שלאס סעברענא. ———

דאניא אינעז האט צוואר זעהר גוט געוואוסט, פאר וואס דע־קראנפרינץ האט איהר ערצייגט דיא גרויסע עהרע צוא מאכען איהר אוויזיט אין איהר איינזאמען שלאס, זיא איז אבער געוועזען אוועלט דאמע אונ האט אמאל געלעבט אין קעניגליכען הויף. זיא האט געוואוסט אז מען דארף זיין העפליך אונ פריינדליך געגען יעדען, זאגאר ווען מען ווייס, אז ער קומט צוא אונז מיט ניט גאנץ ריינע אונ עהרליכע געדאנקען.

זיא האט איהם דאהער אויפגענומען מיט אלע עהרען, וועלכע קומען אקראנפרינץ פון שפאניען. לאה׳לע איז געוועזען דער ביא, ווען דער פרינץ איז אריין געקומען אין זאל. דער פרינץ האט איהר געגעבען דיא האנד אונ האט געזאגט פריינדליך מיט אזאנדערבארען שמייכעל:

— דוא אנטלויפסט פון אונז, שאהנעס פריילין, מיר ווייסען אבער וויא דיך צוא געפינען.

אין שפאניען האט דאס געהייסען אהעפליכקייט. מען איז דארט געוואוינט אז אקאוואליער זאל זאגען אדאמע קאמפלימענטען, מען ווייס אז מען דארף אזויא רעדען אונ אז דיא שאהנע רייד האבען גאר קיין ווערטה,

לאה׳לע איז אבער ניט אויפגעוואקסען אין שפאניען. זיא האט ניט געוואוסט, וואס אקאמפלימענט הייסט. זיא האט ניט פערשטאנען, וואס שאהנע רעדען הייסען. זיא איז רויט געווארען, וויא פייער, ווען דער פרינץ האט גערעדט צוא איהר, אונ האט זיך אוועק געקעהרט פון איהם.

דיא העפליכקייט האט געפאָדערט פון דאניא אינעז, זיא זאל איינלאדען דעם פרינץ אויף פריהשטיק. ווייל עס איז דאמאלס געוועזען דיא צייט פון פריהשטיק. עס איז געוועזען גאנץ פריה אונ דער פרינץ איז געקומען פון אווייטען וועג.

זיא האט זיך צוואר ניט גערעכט אויף איהם אונ האט ניט אנגעגרייט אזעלכע פיינע עסענס וויא מען דארף אויפגעבען פאר אקראנפרינץ פון שפאניען מיט זיין גלענצענדער סוויטע, זיא האט אבער געטאהן, וואס זיא האט נור גיקענט אום צוא ווייזען, אז זיא איז אפירשטין, זיא האט געמוזט געהן צוא איהרע דיענער, זיי גיבען בעפעהלע, זייא הייסען אנגרייטען אלעס אונ אויס זוכען דאס בעסטע אונ דאס שעהנסטע, וואס האט זיך געפונען אין איהרע שפייז קאמערן.

אזויא וויא דאס האט געמוזט פערנעהמען איינגע צייט, האט דער פרינץ ערקלערט, אז ער וויל דער ווייל אביסעל שפאצירען אין

אין גארטען פונ'ם אלטען שלאס, אלס בעגלייטערין האט ער זיך אויס געקליבען לאה'לען.

דאניא אינעז איז עס זעהר ניט געפעלען און זיא האט בעמערקט:

— איך דארף האבען דאס פריילין, זיא העלפט מיר ביא דער ווירטהשאפט.

דאן זשואן האט אשמייכעל געטאן.

— מיין גוטע און קלוגע דאניא אינעז וועט שוין קענען זיך בעגעהן אהאלבע שטונדע אהן איהרע שאהנע העלפערין, האט ער געזאגט.

דאניא אינעז האט פערביסען מיט דיא ליפען, העפליכקייט געהט פאר אלעם אין דער וועלט ביים שפאניער. ער איז פון דער נאטור אהעפליכער קאוואליער. פאר דער העפליכקייט וועט ער טאהן אלעס אין דער וועלט. עס פאסט ניט פאר אווירטהין, זיא זאל עפעס ענטזאגען איהרע געסט, בעזאנדערס ווען דער גאסט איז דער קראנפרינץ פון שפאניען.

דאניא אינעז האט געמוזט שווייגען. זיא האט געמוזט צוזעהן רוהיג, וויא דאן זשואן האט גענומען לאה'לען אונטערן ארים און איז מיט איהר ארויס געגאנגען אין גארטען. וויא אונאנגענעהם דער גאנצער בעזוך פונ'ם קראנפרינץ איז איהר געוועזען, האט זיא דאך געמוזט מאכען אמינע, אז זיא איז העכסט גליקליך, וויא אזא הויכ־געשטעלטע פערזאן האט איהר ערוויזען דיא גרויסע עהרע זיא צוא בעזוכען און צוא עסען ביא איהר פריהשטיק.

דיא סוויטע פונ'ם קראנפרינץ האט אפ גענומען אלע צימער פונ'ם שלאס. איינינע האבען זיך געלעגט שלאפען, אנדערע זיינען ארויס געגאנגען אין דיא בערג שיעסען פויגעל און האזען, ווייטער אנדערע זיינען געגאנגען בעטראכטען דיא געגענד, וואו זייא זיינען נאך קיין מאהל ניט געוועזען.

דער קראנפרינץ איז געבליעבען מיט לאה'לה אליין אין גארטען. זייא זיינען ארום געגאנגען איינינע צייט און האבען גערעדט פון פערשיעדענע זאכען. ענדליך זיינען זייא צוגעקומען צוא א קיאסק (א בעסעדקע), וועלכע איז אין גאנצען געוועזען בעדעקט מיט וויינ־טרויבען.

— לאמיר זיך דא זעצען, האט דער קראנפרינץ געזאגט.

לאה'לע האט געוואלט ווייטער געהן. דאן זשואן האט זיא מיט געוואלט אריינגעצויגען אין קיאסק, האט זיך אנידער געזעצט און האט זיא געזעצט נעבען זיך.

— דוא אנטלויפסט פון מיר, שעהנעס פריילין, האט ער געזאגט טרויעריג, וואס האב איך דיר אזעלכעס געטאהן, וואס דוא האסט מיך פיינד?

— פאר וואס פערפאלגט איהר מיך, פרינץ? האט לאה'לע געפרעגט.

— ווייל איך ליעב דיך, האט דער פרינץ געענטפערט.

— וויא קענט איהר ליעבען אפרעמדע? וויא קענט איהר ליעבען אמעדכען, וועלכע איז ניט פון אייער פאלק, ניט פון אייער גלויבען? — איהר ווייסט דאך, פרינץ, ווער איך בין. איהר ווייסט דאך, אז איך קען ניט ווערן אייער פרויא? —

— דוא קענסט דאך אבער ווערן מיין געליעבטע, האט דער פרינץ אויסגערופען.

— איך ליעב אייך אבער ניט, האט ענדליך לאה'לע געענטפערט אפענהערציג.

דער פרינץ האט אציטער געטאהן, אזא אנטווארט האט ער ניט ערווארטעט.

— דאן ליעבסט דוא אן אנדערן? האט ער געפרעגט.

— שטעלט אייך פאר, אז איך ליעב ווירקליך אנ'אנדערן, האט לאה'לע געענטפערט רוהיג

דער פרינץ איז געווארען בלייך, וויא קאלך, דאן איז ער געווארען רויט, וויא פייער. זיין שפאנישעס בלוט האט זיך צוקאכט אין איהם.

— איך וועל דיך לערנען, וויא צו ליעבען אן אנדערן! האט ער אויסגערופען, יעדעס אנדערע מעדכען אויף דיין ארט וואלט זיך געשעצט גליקליך; ניט יעדע פערדיענט עס צו זיין געליעבט פון קראנפרינץ פון שפאניען און דוא פעראכטעסט מיך?

— דאן לאזט מיך צו רוה! האט לאה'לע געענטפערט, איך בין ניט ווערטה, אז אקראנפרינץ פון שפאניען זאל מיך ליעבען. איך בין נור אן ארימעס אידישעס מעדכען. וויא קום איך צו אייך? איהר זייט צו הויך פאר מיר. לאזט מיך צו רוה, פרינץ! האסט מיך! פעראכטעט מיך! אנטלויפט פון מיר! לאזט מיך לעבען אין ארימקייט, אין עלענד און נויט. וואס קימערט איהר זיך וועגען אזא ארימעס, עלענדעס מעדכען, וויא איך בין?

— איך ליעב דיך אבער און דוא וועסט מוזען מיך ליעבען! האט דער פרינץ אויסגערופען האסטיג, דוא וועסט זיין מיין געליעבטע! איך וועל דיך אויסזוכען אין דעם דונקעלסטען ווינקעל, וואו דוא וועסט זיך בעהאלטען. דוא וועסט פון מיר ניט אנטלויפען.

לאה'לע ליוויק

לאה'לע האט אראפגעלאזען דעם קאפ אויף דער ברוסט אונ האט אנגעהויבען צו וויינען. דער פרינץ איז געווארען וויכער.

— בערוהיג דיך, קינד! האט ער געבעטען, בערוהיג דיך אונ וויז מיר אפרעהליכעס געזיכט. בין איך דען שולדיג, וואס איך ליעב דיך? אין מיין הערצען ברענט אהייליגעס פייער וועלכעס איך קען ניט פער־לעשען. עס קימערט מיך ניט, ווער דוא ביסט; עס הארט מיך ניט פון וואנען דוא קומסט ארויס. איך בעט ביא דיר נור איין פונק ליעבע, נור איין שטראהל פריינדשאפט. איך בין אפריגען אונ שטעה פאר דיר וויא אבעטלער, וועלכער בעטעלט אויס אשטיקעל ברויט. פערשטויס מיך ניט פון דיר! טרייב מיך ניט אוועק, וויא מען טרייבט אוועק אן אבשייליכען אונרוהיגען בעטלער. קוק אויף מיר! רעד צו מיר, גיב מיר אשמייכעל אונ איך בין גליקליך.

דיעזע ווערטער האבען געווירקט אויף דיא איינפאכע לאה'לע, זיא איז ניט געווען געוואונט צו זייא; זיא האט קיין מאל ניט געהערט פון אמאן אזעלכע הייסע ביטענדע ווערטער, זיא האט אפגעווישט דיא טרעהרין פון איהרע אויגען אונ האט פריינדליך אקוק געטאהן אויפ'ן יונגען פרינץ.

דאן זשואן איז געפאלען פאר איהר אויף דיא קניע, האט גע־חאפט איהר האנד אונ האט זיא אנגעהויבען צו קושען. לאה'לע איז אויפגעשפרונגען, האט ארויסגעריסען איהר האנד אונ האט געוואלט אנטלויפען.

פלוצלונג האט מען דערהערט טראמפעטען שאללען פון דער ווייטען, אין הויף איז געווארען אגערודער, מענשען זיינען ארומגעלאפען, האבען עפעס גערעדט, עפעס געשריען. אן אפיציער איז צוגעקומען צו לויפען אין גארטען אונ האט גערופען אין דער הויך:

— וואו איז דער פרינץ? — דיא קעניגין איזאבעללא קומט!

דאן זשואן האט געלאזען לאה'לען אליין אונ איז געלאפען בע־געגענען זיין מוטער. קוים איז ער ארויסגעקומען פון גארטען, איז קעניגין איזאבעללא מיט איהר הויף אנגעקומען אין שלאס.

מיר מוזען דא ערקלערען, וויא אזוי דיא קעניגין איז גאר פלוצלונג געקומען אין שלאס סאברענא.

ליה״ב

2.

די קעניגין איז בייז.

דאן זשואן האט געמאכט אקליינעם פעהלער. ווען זיין פאטער האט איהם ערלויבט צו פאהרען אין שטעדטעל, וואו עס איז גע־שטאנען דער רעגימענט סאלדאטען, האט ער געדארפט געהן צו זיין מוטער און איהר זאגען, אז ער פאהרט ווידער אוועק צו דער ארמעע. ער איז אבער געווען בייז אויף זיין מוטער, פאר וואס זיא האט אוועקגעשיקט לאה׳לען פון קארדאווא און האט זיך פאר איהר ניט געוויעזען.

גענעראל גאמעז איז געקומען צו דער קעניגין און האט איהר אפגעגעבען דיא ראפארט, אז ער האט פונקטליך אויסגעפיהרט איהר בעפעהל.

— וואו איז דער קראנפרינץ?

— איך האב איהם געלאזען אין זיינע צימערן, האט דער גענעראל געענטפערט.

— ער איז פיעלייכט מיעד פון דער רייזע, האט זיך דיא קעניגין געטראכט.

זיא איז דאך געווען א מוטער און האט ליעב געהאט איהר קינד. זיא האט גערעכענט, אז ער איז נאך מעהר יונג און א רייזע פון עטליכע מייל רייטענדיג קען מיעד מאכען א שטארקערן מענשען פון איהם. איזאבעללא אלזא האט גערעכענט, אז ווען עס ווערט נאכט ווערן, וועט ער געוויס קומען.

עס איז נאכט געווארען און דער קראנפרינץ איז דאך ניט גע־קומען. ער האט זיך געלעגט פריה שלאפען און האט אנגעזאגט איינעם פון זיינע האף לייט, ער זאל איהם ענטשולדיגען ביי דער קעניגין און זאל איהר זאגען, אז ער האט ערהאלטען א בעפעהל פון קעניג צו פאהרען אין יענעם שטעדטעל, מארגען אדער איבערמארגען וועט ער צוריק קומען.

דעם אנדערן טאג אין דער פריה איז דיא קעניגין געוואהר גע־ווארען, וואוהין דער פרינץ איז געפאהרען. זיא האט באלד פער־שטאנען, אז דאס מאל איז ער ניט געפאהרען צו דער ארמעע, זאנדערן קיין סאברענא און זיא איז איהם נאכגעפאהרען.

אזויא וויא דאס שלאס סאברענא ליעגט נור איינינע מייל ווייט פון קארדאווא, איז זיא ניט איהר הויף אנגעקומען מיט א שטונדע שפעטער פונ׳ם קראנפרינץ.

דאניא אינעז האט ניט געקענט פערשטעהן, וואס דא קומט פאר. פלוצלונג האט דער קראנפרינץ זיא בעגליקט מיט זיין וויזיט אונ יעצט קומט דיא קעניגין אליין.

דאניא אינעז האט אבער קיין צייט געהאט פיעל צו טראכטען אונ זיך צו איבערלעגען. דיא קעניגין איז אנגעקומען אונ מען האט געמוזט זיא אויפנעהמען.

צום גליק, איז דער פריהשטיק אונטערדעסען פערטיג געווארען, דיא טישען זיינען געווען געגרייט אונ דאניא אינעז האט געמוזט שפיעלען דיא ראלע פון אגוטער אונ פריינדליכער ווירטהין. זיא האט געמוזט זיך פארשטעלען, או זיא איז העכסט גליקליך, וואס אזעלכע הויכע געסט זיינען געקומען זיא בעזוכען אין איהר פערזוארפענעם שלאס.

זיא האט אריינגעפיהרט דיא קעניגין אין איהרע בעסטע צימער אונ האט זיא אויפגענומען, וויא אקעניגין.

— וויא לאנג איז דאן ושואן דא אין שלאס? האט דיא קעניגין געפרעגט.

— זייט אשטונדע, האט דאניא אינעז געענטפערט.

— האט ער זיא שוין געזעהן?

— ער האט זיא געזעהן.

— האט ער גערעדט מיט איהר?

— ער האט גערעדט מיט איהר.

— אליין? אונטער פיער אויגען?

— אליין, האט דאניא אינעז געענטפערט.

— דוא ביסט צו גוט, מיין ליעבע אינעז, האט קעניגין איזאבעללא געזאגט מיט אפארוואורף אין איהר שטימע.

דאניא אינעז האט געפיהלט דעם פארוואורף אונ האט אראפ-געלאזען דיא אויגען צו דער ערד.

— וויל דאס מעדכען נאך ניט אננעהמען דעם קריסטליכען גלויבען? האט פלוצלונג קעניגין איזאבעללא געפרעגט.

— זיא איז נאך אקינד, האט דיא גוטע דאניא אינעז געענטפערט, זיא איז אויפגעוואקסען אין אנ'אנדער גלויבען, זיא איז שטרענג ער-צויגען געווארען אין דעם גלויבען פון איהרע עלטערן. אזא קינד מוז מען געבען צייט זיך צו געוועהנען צו אונז, צו אונזער לעבען, צו אונזערע זיטען (מנהגים) אונ צו אונזער גלויבען. איך האב געהאפט, אז מיט דערצייט וועט זיא אליין איינזעהן, אז אונזער גלויבען איז בעסער פון איהרען.

טארקוועמאדא האט רעכט, האט קעניגין איזאבעללא געזאגט

וויא צו זיך אליין, מיט גוטען קען מען מיט דיעזען פאלק גאר ניט מאכען. מען מוז זיין שטרענג אונ הארט געגען איהם.

— מיט שטרענגקייט אונ מיט הארטקייט קען מען אבער אויך גאר ניט מאכען, האט דאניא אינעז בעמערקט. וואס האט מארקוועמאדא אויפגעטאהן מיט זיינע שייטערהויפען? האט זיך איין איד געטויפט פרייוויליג? אונ ווען איינער האט עס שוין געטאהן, איז ער שטילערהייט געבליעבען א איד אונ דיענט שטילערהייט דעם גאט פון זיינע עלטערן.

— דאס זאגט אן אבטעסין פון אמאנאסטיר? האט איזאבעללא אויסגערופען.

— איך זאג דיא וואהרהייט, קעניגין! האט דאניא אינעז געענטפערט פעסט.

— דיא וואהרהייט וויים נור דער גראס אינקוויזיטאר, האט איזאבעללא אויסגערופען שטאלץ.

דאניא אינעז איז אבער געוועזען אשפאניערין, זיא איז אויך געוועזען שטאלץ.

— דיא וואהרהייט וויים נור גאט, ער האט אונז געזאגט, אז ער איז דער גאט פון ליעבע. ער הייסט דיא מענשען לעבען וויא ברידער, ניט מארטערן אונ פייניגען איינער דעם אנדערן.

דיא קעניגין איז געווארען אונרוהיג, אפינסטערער וואלקען האט זיך געוויעזען אויף איהר געזיכט.

— יעצט פערשטעה איך אלעס, האט זיא געזאגט בייז, דוא ביסט צו גוט פאר אזא היילינגעס ווערק איבער צו רעדען א אידיש מעדכען, זיא זאל אננעהמען דעם קריסטליכען גלויבען. וויא קענסט דוא זיין אן אבטעסין פון אמאנאסטיר? — היינט פאר נאכט וועסט דוא אוועקפאהרען אין מאנאסטיר פון דיא קארמעליטען אין מאדריד. איך וועל דיר מיט גיבען אבריעף צו דער אבטעסין. אזויא וויא עס איז יעצט קריעגס־צייט, וועל איך שיקען מיט דיר פינף ברידער פון דער היילינגער הערמאנדאד. זייא וועלען דיך בעגלייטען ביז מאדריד.

דאניא אינעז האט זעהר גוט פערשטאנען, אז דאס איז אשטראפע. קעניגין איזאבעללא האט בייא איהר צוגענומען דעם טיטול אבטעסין אונ האט זיא געמאכט פאר אנ׳איינפאכע נאנע (מאנאשקע). אויסער דעם שיקט מען זיא מיט אקאנוואי קיין מאדריד. דיא קעניגין איז העפליך, זיא האט ניט געוואלט זאגען, אז דיא ברידער פון דער היילינגער הערמאנדאד וועלען זיין איהרע וועכטער; זיא האט געזאגט, אז זייא וועלען זיא נור בעגלייטען.

דיא ארימע דאניא אינעז האט זיך געפיהלט זעהר געקרענקט.

זיא האט ניט געקענט פערשטעהן, וואס זיא איז שולדיג. וואס דער קראנפרינץ איז געקומען צו איהר אויף אבעזוך? — זיא איז אבער געווען אשפאניערין און האט געוואוסט, וויא זיך צו בעהערשען. זיא האט זיך געמאכט, אז זיא איז גאנץ צופריעדען צו פאהרען קיין מאדריד און האט נור געפרעגט:

— קען איך מיטנעהמען דאס אידישע מעדכען?

— איך וועל זיא מיט נעהמען מיט מיר, האט דיא קעניגין געענטפערט קורץ.

— וויל דיא קעניגין זיין אזויא פריינדליך און עסען ביא מיר? האט דאניא אינעז ווייטער געפרעגט.

דאס האט אבער קעניגין איזאבעללא ניט געקענט. זיא האט ניט געקענט זיצען ביא איין טיש און עסען מיט אמענשען, וועלכען זיא האט נור וואס אזויא בעשטראפט. דאס וואלט שוין געווען צו ניעדעריג!

— שיק מיר אריין דעם קראנפרינץ, האט זיא געזאגט און האט ניט געענטפערט, אויב זיא וועט עסען פריהשטיק אין שלאס אדער ניט.

דאניא אינעז איז ארויסגעגאנגען און אין איניגע מינוטען ארום איז דער קראנפרינץ אריינגעקומען צו זיין מוטער.

— וויא קומסט דוא אהער, דאן זשואן? האט דיא קעניגין געפרעגט.

— איך בין געפאהרען קיין ארטא מוסטערן דיא סאלדאטען, האט דער פרינץ געענטפערט אביסעל צומישט, אויפ'ן וועג זיינען מיר הונגעריג געווארען און זיינען אריינגעפאהרען אהער עסען פריהשטיק.

— דאס האב איך ניט ערווארטעט פון מיין זוהן! האט דיא קעניגין אויסגערופען, דאן זשואן, דער אינפאנט פון שפאניען זאל זאגען אליגען? דאס איז שלעכט! דאס פאסט ניט פאר אפרינץ!

(אין שפאניען הייסט דער קראנפרינץ אינפאנט. דאס הייסט קינד. ער איז דאס קינד פון שפאניען).

דאן זשואן איז געווארען רויט וויא פייער. ער האט געהאפט, אז דורך אנ'איינפאכען ליגען וועט ער זיך אויסדרעהען פון זיין שטרענגער מוטער. קעניגין איזאבעללא איז אבער היינט געווען אזויא בייז, אז זיא האט זיך ענטשלאסען איין מאל פאר אלע מאל צו מאכען אנ'ענדע פון דער גאנצער געשיכטע.

דאן זשואן האט גוט געקענט זיין מוטער. ער האט פערשטאנען, אז מיט ליגענס וועט ער זיך ניט אויסדרעהען. ער האט פראבירט אנ־אנדער מיטעל.

— מוטער! האט ער אויסגערופען און איז געפאלען פאר איהר

אויף דיא קניע, — מוטער! איך ליעב דאס אידישע מעדכען אונ איך בין געקומען אהער זיא זעהן.

— אונ דאס זאגסט דוא מיר, דוא דומער יונגע?

— פאר וואס ניט דיר? האט דאן זשואן געענטפערט, פאר וועמען קען איך דען עפענען מיין הערץ, ווען ניט פאר מיין מוטער? וועמען קען איך דען אלעס פערצעהלען, ווען ניט מיין מוטער?

— דוא פערגעסט אבער, אז איך בין דיין קעניגין, האט איזא-בעללא געענטפערט שטרענג, אקעניגין מוז מען פאלגען, אקעניגין בעפעהלט.

— פערגעס דיעזען שטאלץ אויף אמינוט, האט דאן זשואן גע-ביטען, רעד יעצט צו מיר, וויא אמוטער דארף רעדען צו איהר קינד, זייא אויף איינינע מינוט מיין מוטער אונ לאז מיר אויסרעדען! לאז מיר אויסגיעסען פאר דיר מיין הערץ!

— וואס האסט דוא מיר דען צוזאגען? ווייס איך דען ניט אלעס? דוא האסט זיך פערליעבט אין דיעזעס מעדכען אונ דוא לויפסט איהר נאך, וויא אדומער יונגע. דאס איז אלעס.

— יא, מוטער! איך ליעב זיא! איך ליעב דיעזעס מעדכען הייליג אונ פייעריג! איך ליעב זיא מעהר פון מיין לעבען. איך קען ניט לעבען אהן איהר, מוטער! ערלויב מיר זיא צו ליעבען!

— נארישער, לייכטזיניגער יונגע! האט דיא קעניגין געזאגט פול מיט ביטערקייט, דוא ווייסט ניט, וואס דוא רעדסט, דוא איבערלעגסט ניט, וואס דוא זאגסט; דוא בערעכענסט ניט, אז דוא ביסט געבארען געווארען צו זיין אקעניג, צו הערשען איבער אגרויסעס לאנד. דוא ביסט דער אינפאנט פון שפאניען! —

— טאר דען אקעניג ניט ליעבען? האט דער פרינץ איבערגעשלאגען זיין מוטערס רעד.

— ניין! האט איזאבעללא געענטפערט, אקעניג דארף דענקען נור פון זיין לאנד, פון זיין פאלק אונ איבערהויפט נור פון הייליגען גלויבען. גאט שיקט צו דעם קעניג זיין בעשערטע, דיא פרויא, וועלכע זאל איהם העלפען טראגען דיא שווערע משא פון זיין קרוין. אקעניג קען זיך ניט אויסקלייבען זיין געליעבטע.

— האסט דוא דען ניט געליעבט מיין פאטער?

— ווען איך האב איהם געהייראטהעט, בין איך ניט געוועזן קיין קעניגין אונ ער איז ניט געוועזן קיין קעניג, האט איזאבעללא גע-ענטפערט. גאט האט אונז שפעטער ארויפגעזעצט אונזערע קרוינען אויף דיא קעפ. דיעזע קרוינען וועלען מיר דיר איבערגעבען, בעשמוץ

זייא ניט מיט אליעבע, וועלכע פאסט דיר ניט. דוא קענסט ניט ליעבען אמעדכען פון אניעדעריגעם, פעראכטעטעם פאלק.

— פאר וואס האסט דוא זיא אויפגענומען? האט דער קראנפרינץ אויסגערופען; פאר וואס האסט דוא זיא ערהאלטען לעבען זיך? ווען דוא, גרויסע קעניגין, ווען איזאבעללא דיא פרומע האט אויפגענומען א אידיש מעדכען אונ האט זיא געהאלטען בייא זיך אין הויף, וויא איהר אייגען קינד, מעג דאך דער זוהן פון קעניגין איזאבעללא זיך פערליעבען אין איהר.

— דיעזעס מעדכען מוז ווערן אנאנע (מאנאשקע), האט קעניגין איזאבעללא געזאגט שטרענג, גאט האט זיא מיר צוגעשיקט אונ איך וויל זיא אפגיבען צו גאט, זיא זאל איהם דיענען איהר לעבען לאנג. קיין מאן דארף זיך צו איהר ניט צוריהרען!

— אך, קעניגין! וויא לייכט פערגעסט דוא דיין ווארט! ווייס איך דען ניט, אז דיעזעס מעדכען איז בייא דיר נור אפפאנד (אמשכון), וועלכען דוא דארפסט צוריק געבען צו יעדער צייט, ווען מען וועט עס בייא דיר פאדערן? ווייס איך דען ניט, אז מיין פאטער האט געגעבען זיין עהרענווארט אלס קעניג, אלס קריסט אונ אלס עדעלמאן, ער זאל אפגעבען דעם אידען, אל מאמון זיין טאכטער צוריק, ווען זייא וועלען ניט האלטען דעם קאנטראקט, וועלכען זייא האבען אפגעשלאסען? בין איך דען דאמאלס ניט געוועזען דערבייא, ווען אל מאמון האט געבראכט זיין טאכטער אין געצעלט פון קעניג פערדינאנד? האב איך דען ניט אלעס געזעהן אונ אלעס געהערט? וויא קענט איהר יעצט איבערגעבען דיעזעס מעדכען אין אמאנאסטיר?

קעניגין איזאבעללא איז געווארען צומישט אונ האט איינגע צייט ניט געוואוסט וואס צו ענטפערן איהר זוהן, וועלכער האט זיך ערלויבט צו רעדען מיט איהר פרייא אונ אפענהערציג דיא שפראכע דער וואהרהייט. ענדליך האט זיא זיך דאך בעהערשט אונ האט געענטפערט שטרענג אונ קאלט:

— דיא היילינע קאטוילישע קירכע האט אונז בעפרייט פון אונזער ווארט, זיא האט אונז מתיר נדר געווען; זיא קען פערקניפען אונ אויפבינדען, זיא קען פערשליסען אונ אויפשליסען, וויל זיא איז הייליג; דיא אידען אבער זיינען פעררעטהער אונ גלויבען ניט אין אונזער הייליגער קירכע, דערפאר דארפען זייא בעשטראפט ווערן.

דער קראנפרינץ האט געוואלט עפעס ענטפערן, קעניגין איזאבעללא איז געווארען אונגעדולדיג אונ האט איהם מעהר ניט געלאזען רעדען.

— גענוג רעדען, דאן זשואן! האט זיא געזאגט מיט אבפעהלענדער

ליויק

שטימע

שטימע, דוא האסט בעקומען אבעפעהל צו מוסטערן ארעגימענט סאלדאטען, זעץ דיך אויף דיין פערד אונ פאהר אויספיהרען דעם בעפעהל פון דיין קעניגליכען פאטער. — געה! דוא האסט דא מעהר ניט וואס צו טאהן!

— מוטער! האט דער פרינץ אויסגערופען, — מוטער! פערשעהם מיך ניט פאר מיינע אפיציערן אונ געגעראלען. לאז מיך וועניגסטענס אפעסען מיין פריהשטיק אין דיעזען שלאס. לאז דיא וועלט וועניגסטענס ניט וויסען, אז דוא ביסט מיר נאכגעפאדרען אונ האסט מיך בעשטראפט, וויא אשטרענגער לעהרער בעשטראפט א אינגעל, וועלכער אנשטאט צו געהן אין דער שולע, איז געגאנגען רייסען עפעל אין אפרעמדען גארטען. לאז דיא וועלט וועניגסטענס ניט וויסען, וואס צווישען אונז ביידען איז פארגעקומען.

— האסט רעכט, מיין זוהן, האט דיא קעניגין געזאגט פריינד־ליכער, יעצט האסט דוא גערעדט, וויא אן אינפאנט פון שפאניען דארף רעדען. דיא וועלט דארף קיין מאל ניט וויסען, וואס עס קומט פאר אונטער דעם מאנטעל פון אקעניג. דיא קרוין דארף גלענצען אונ פינקעלן, אונ פערבלענדען אלעמען. קיינער דארף ניט וויסען, וויא שווער זיא איז אונ וויא שטארק זיא פרעסט אונ קוועטשט דעם קאפ, אויף וועלכען זיא זיצט.

— אונ דוא, מוטער, וועסט אויך עסען מיט אונז? האט דער קראנפרינץ ווייטער געפרעגט.

— איך מוז באלד אוועקפאהרען פון דאנען, האט קעניגין איזא־בעללא געענטפערט.

— טוה עס ניט, מוטער! האט דער פרינץ געבעטען, עס מיט אונז אונ דאן וועלען מיר זיך אלע צו פאהרען. פערדעק אלעס מיט'ן קעניגליכען מאנטעל!

איזאבעללא האט געטראכט איינינע אויגענבליקע; זיא האט זיך איבערלעגט וואס צו טאהן. עס איז איהר געוועזען זעהר אונאנגענעהם צו בלייבען אויף פריהשטיק, עס איז אבער געוועזען זעהר אונאנגע־נעהמען פלוצלונג אוועק צופאהרען. עס וועט דערפון ווערן אסקאנדאל. דיא האף לייט וועלען דערצעהלען זאנדערבארע געשיכטען. מען וועט אויסטראכטען אלע מעגליכע ליגען, פון וועלכע עס קענען ארויסקומען פיעלע אונאנגענעהמע זאכען.

אויך דאס וועל איך דיר צוליעב טאהן, האט זיא געזאגט, עס וועט מיך קאסטען מיה אונ איך וועל זאגאר מוזען צוריק נעהמען מיין בעפעהל וועגען אגעוויסער אנגעלעגענהייט; איך וויל אבער ניט, אז

דער אינפאנט פון שפאניען, זאל זיך דארפען שעהמען פאר אן אונטער אפיציער. — איך בלייב דא ביז נאכ'ן פריהשטיק.

מוטער אונ זוהן זיינען ארויסגעגאנגען ארם אין ארם געשלאסען אונ זיינען אריינגעקומען אין גרויסען זאל, וואו אלע האף לייט זיינען געווען פערזאמעלט אונ אלע האבען זיך טיעף פערנייגט פאר דער קעניגין אונ דעם אינפאנט פון שפאניען.

דיא טישען זיינען געווען געדעקט, דער פריהשטיק איז געווען אויפגעגעבען. דאניא אינעז איז געווען דיא פריינדליכע ווירטהין, וועלכע האט געוואוסט וויא צו בעדיענען אזעלכע הויכע געסט.

קעניגין איזאבעללא איז געזעסען אויבען אן, צו איהר רעכטער האנד איז געזעסען דער אינפאנט פון שפאניען, צו איהר לינקער האנד איז געזעסען דאניא אינעז, לעבען איהר איז געזעסען לאה'לע.

דער פריהשטיק איז פערגאנגען שטיל, רוהיג, אנשטענדיג, אבער זעהר טרויעריג, דיא קעניגין האט גערעדט זעהר וועניג. דער קראנפרינץ האט געשוויעגען, נור פון צייט צו צייט פלעגט ער ווארפען אפייעריגען בליק אויף לאה'לע; דיא האף לייט האבען פערשטאנען, אז דא איז עפעס פארגעקומען אונ האבען מורא געהאט צו רעדען.

נאכ'ן עסען האט דיא קעניגין געדאנקט דיא ווירטהין פאר איהרע גאסטפריינדשאפט אונ האט ערקלערט, אז אזויא וויא עס איז יעצט קריעגס צייט אונ דאס שלאס סאבריעגא געפינט זיך אין אן'איינזאמער, פערוואָרפענער געגענד, וואלט זיא געראטהען דאניא אינעז צו פאהרען קיין מאדריד, דיא הויפט שטאדט פון שפאניען, וואו זיא וועט קענען לעבען פיעל רוהיגער אונ זיכערער אלס דא ביא דער גרענען פון גראנאדא.

דאניא אינעז האט איהר געדאנקט אונ האט געזאגט, אז זיא וועט אויספאלגען דעם גוטען ראטה פון איהר גנעדיגער קעניגין.

אונ דוא, מיין קינד, האט קעניגין איזאבעללא געזאגט צו לאה'לע, דוא, מיין קינד, וועסט פאהרען מיט מיר קיין קארדאווא. דיך וויל איך האבען אין מיין הויף.

לאה'לע איז געווארען בלייך, וויא קאלך, אונ האט אנגעהויבען צו ציטערן. זיא האט נים געוואלט זיך צושיידען מיט דער גוטער אונ פריינדליכער דאניא אינעז.

— קען איך נים בלייבען ביא דאניא אינעז? האט זיא געפרעגט.

— ניין, מיין קינד, האט דיא קעניגין געענטפערט רוהיג, יעצט וועסט דוא פאהרען מיט מיר, ווען דער קריעג וועט זיך ענדיגען אונ אלעס וועט זיך בערוהיגען, וועל איך דיך שיקען צו דאניא אינעז.

דעם קראנפרינץ האט דיא קעניגין קיין ווארט ניט געזאגט. זיא האט איהם נור געגעבען אווינק אונ ער האט געהייסען אנזאטלען דיא פערד. איינינע מינוטען שפעטער איז ער מיט זיין סוויטע ארויסגע-פאהרען פון שלאס.

אזויא וויא קעניגין איזאבעללא האט געגעסען אין שלאס, האט זיא ניט געקענט שיקען דאניא אינעז מיט אקאנוואי פון דיא ברידער פון דער הייליגער הערמאנדאד, זיא האט געהייסען איינעם פון איהרע אפיציערן, ער זאל אפפיהרען דאניא אינעז קיין מאדריד אונ זאל זיא בעהאנדלען, וויא מען דארף בעהאנדלען אפירסטין אונ אן אבטעסין. איזאבעללא האט צוריק געגעבען דאניא אינעז דעם טיטול אבטעסין.

טרויעריג אונ הערצרייסענד איז געוועזען, ווען לאה׳לע האט זיך געדארפט שיידען פון דאניא אינעז. לאה׳לע איז ארויפגעפאלען דער גוטער, אלטער פרויא אויפ׳ן האלז, האט געוויינט אונ האט געבעטען:

— לאז מיך ניט אליין, מיין גוטע מוטער!

זאגאר דיא שטאלצע קעניגין איזאבעללא האט זיך ניט געקענט איינהאלטען; זיא איז אויך געוועזען געריהרט אונ אויף איהרע אויגען האבען זיך געוויזען טרעהרין. עס האט אבער גאר ניט געהאלפען. קעניגין איזאבעללא האט געהייסען ברענגען איהר קארעטע אונ לאה׳לע האט זיך געמוזט אריינזעצען אין איהר לעבען דער קעניגין.

פאר נאכט, ווען דיא זון האט געדארפט אונטערגעהן, איז דאס שלאס סאברענא געוועזען שטיל אונ אויסגעשטארבען. אין איהם זיינען געבליעבען נור אפאר אלטע דיענער פון דער פירסטין דאניא אינעז.

אין דרייא טעג ארום איז אמאן אין אלאנגען שווארצען מאנטעל געקומען אין שלאס אונ האט געבעטען, מען זאל איהם פיהרען צו דאניא אינעז.

— זיא איז ניטא אין דער היים, האט אנ׳אלטער דיענער איהם געענטפערט.

— אונ וואו איז דאס יונגע מעדכען, וועלכע האט דא געוואונט? האט דער מאן געפרעגט האסטיג.

— זיא איז אויך ניטא.

— וואו איז זיא? — ענטפער מיר, מאן! האט דער פרעמדער אויסגערופען.

— איך וויים ניט.

— ענטפער מיר! איך בין איהר פאטער!

— דיא קעניגין איזאבעללא האט זיא מיט גענומען מיט זיך, האט דער אלטער דיענער געענטפערט.

— דיא קעניגין איזאבעללא ? דאס קען ניט זיין ! וויא קומט דיא קעניגין אהער ?

דער אלטער דיענער האט איהם דערצעהלט, אז דיא קעניגין איז געקומען אויף אוויזיט צו דאניא אינעז, זיא האט דא געגעסען פריהשטיק, נאכ'ן עסען זיינען זיך אלע צופאהרען. לאה'לע איז אוועק געפאהרען אין דער קארעטע פון דער קעניגין איזאבעללא.

וויא דיא לעזער האבען געוויס פערראטהען, איז דער פרעמדער געווען רבי מיימון. ער איז געקומען אפנעהמען זיין טאכטער אונ איז געוואהר געווארען, אז זיא איז פערשוואונדען געווארען.

ער האט געשענקט דעם דיענער אגאלד שטיק אונ איז אוועק געגאנגען. ווען ער איז ארויסגעגאנגען פון טויער פון שלאס, האט ער צונויפגעלעגט דיא הענד אין שרעקליכע פויסטען אונ האט אויסגערופען:

— פלוך איבער דיך, פאלשע קעניגין! דוא וועסט מיר אבגיבען מיין טאכטער! איך וועל זיא ארויסרייסען פון דיינע הענד אונ ווען איך זאל דארפען ארייגשטעכען אמעסער אין דיין פאלשעס הערץ!

— פאלשע, ניעדערטרעכטיגע שפאניער! מיט אפלוך האט זיך אנגעהויבען אייער הערשאפט אין דיעזעס לאנד אונ מיט אפלוך וועט זיך עס ענדיגען! גאט פון ישראל איז קנא ונוקם, אייערע אור-אור ענייקלעך וועלען טהייער בעצאהלען פאר אייערע זינד געגען מיין פאלק! שפאניען וועט ווערן ערניעדעריגט, פעראכטעט אונ פערשפאטעט. דיא שפאניער וועלען זיין דאס שוואכסטע אונ דאס ניעדעריגסטע פאלק אויף דער וועלט! — פלוך איבער אייך!

ער האט זיך פעסטער איינגעהילט אין זיין מאנטעל אונ איז פערשוואונדען געווארען צווישען דיא בערג.

3.

וואו איז מיין טאכטער ?

עס איז נור וואס נאכט געווארען. דיא זון איז שוין אונטער געגאנגען, דער הימעל אבער אין וועסטען (מעריב זייט) ברענט נאך מיט ארויטעס פייער. עס איז נאך ליכטיג גענוג אום צו זעהן אונ צו דערקענען אמענשען.

אין לאגער פון דיא שפאניער ניט וויים פון גראנאדא איז אלעס שטיל אונ רוהיג. דיא סאלדאטען זיצען פאר זייערע געצעלטען ערנסט

אונ

אונ פערטראכט. זייא ווייסען, אז היינט בייא נאכט אדער מארגען אין דער פריה מוז געשעהן עפעס בעזאנדערעס, עפעס אונגעוועהנליכעס. זייא ווייסען נאך ניט, וואס עס וועט פארקומען, — זייא פערראטהען עס אבער, זייא פיהלען עס אבער.

זייא זעהן, אז יעדער גענעראל, יעדער העכערער אפיציער איז פערזארגט, פערטראכט, אונרוהיג, צערשטרייט אונ גערייצט. ווען מען פרעגט איהם עפעס, ענטפערט ער גאר ניט, אדער ער ענטפערט קורץ אונ שארף, האסטיג, אונגערן, געגען זיין ווילען, פערדראסען אונ בייז.

קעניג פערדינאנד האט געשיקט זיינע אדיוטאנטען צונויפרופען אלע גענעראלע אונ העכערע אפיציערן אין זיין געצעלט. דאס האבען געזעהן דיא סאלדאטען. זייא ווייסען, וואס עס קומט פאר; זייא פיהלען, אז מען טראכט אויסצוגעפינען אפלאן, וויא אזויא אנצופאלען אויף דיא שטאדט גראנאדא אונ זיא איינצונעהמען אין שטורם, „שטורמאם“! וויא עס הייסט אויף רוסיש.

אלע גענעראלען אונ העכערע אפיציערן זיינען אוועקגעגאנגען אין געצעלט פון קעניג פערדינאנד. אלס פרומער קאטוליק, האט קעניג פערדינאנד געהייסען דעם גראס אינקוויזיטאר אונ זיינע גייסט-ליכע אפהאלטען א גאטעס דיענסט, אגעבעט צו גאט, איידער ער וועט עפענען דיא קריעגס בעראטהונג (וואיעני סאוועט).

דיא קליינע קירכע איז פול געפאקט מיט גענעראלען, אבערסטע (פאלקאווניקעס) אונ העכערע אפיציערן. קעניג פערדינאנד איז געקומען מיט זיין זוהן, דאן זשואן. דיא קעניגין אבער איז געבליעבען אין איהר געצעלט אליין. זיא האט געוואוסט, אז יעצט פערזאמלען זיך נור מענער אונ זיא האט ניט געוואלט זיין דיא איינציגע פרויא אין דער קירכע.

עס איז זעהר מעגליך, אז זיא האט ניט געוואלט קומען מיט איהרע האף דאמען, ווייל זיא האט זיא ניט געטרויט. זיא האט גע-וואוסט, אז א פרויא איז זעהר שווער צו האלטען אגעהיימניס אונ זיא האט אומיסטען ניט מיטגעבראכט איהרע האף דאמען. זיא האט ניט געוואלט, אז דיא פרויען זאלען וויסען וואס עס קומט פאר אין לאגער. זיא איז דערפאר ליעבער געבליעבען אין איהר געצעלט.

דיא גלאקען פון דער קליינער פעלד קירכע האבען געקלונגען לאנגזאם, טרויעריג, אונרוהיג אונ האט געמעלדעט אלעמען, אז דאס געבעט וועט זיך באלד אנהייבען.

אין לאגער איז געווארען שטיל, דיא סאלדאטען זיינען אויפ-

געשטאנען, האבען זיך איבערגעקריצט, האבען געזאגט אקורצעס געבעט און האבען זיך צוריק געזעצט אויף זייערע ערטער.

דיא קעניגין איזאבעללא איז אריינגעגאנגען אין איהר שלאף-צימער, וואו קיינער האט ניט געדארפט אריינקומען אהן איהר אויסדריקליכע ערלויבניס. דארט איז געשטאנען אגרויסער שווארצער קרייץ פון עפענהאלף. פאר דיעזען קרייץ איז איזאבעללא געפאלען אויף דיא קניע און האט אנגעהויבען צו בעטען פאר איהר מאן, פאר איהר זוהן, פאר דיא שפאנישע ארמעע און פאר אלעס, וואס איז איהר געוועזען ליעב און טהייער.

ניט אומזיסט האט זיא געהייסען איזאבעללא דיא פרומע. זיא איז ווירקליך געוועזען פרום אויף איהר ארט, וויא אשפאניערין פון יענער צייט האט געקענט זיין פרום.

פלוצלונג האט זיא געפיהלט, וויא אשטארקע האנד האט זיא אנגעהאפט ביים דער פלייצע. זיא האט אציטער געטאהן און האט זיך אומגעקוקט. — לעבען איהרע באקען האט אגלאנץ געטאהן דער געשליפענער שטאהל פון איאטאגאן, אקרומער שווערד, וועלכע נור דיא מהמעדאנער טראגען.

דאס קאלטע אייזען האט אנגעריהרט איהרע באקען. זיא האט אציטער געטאהן און האט געגעבען אשוואכען געשרייא.

— שא! — רוהיג! — ניט שרייען! האט געזאגט אשטימע לעבען איהר.

קעניגין איזאבעללא איז אויפגעשפרונגען און האט דערזעהן פאר זיך אהויכען מאן אין אלאנגען שווארצען מאנטעל. זיא האט געוואלט אגעשרייא טאהן, רופען איהרע וואכען און מאכען אלארם.

— איך זאג דיר, דוא זאלסט רוהיג זיין! האט דער מאן געזאגט ערנסט, דוא מעגסט זיין אקעניגין, דוא מעגסט זיין, ווער דוא ווילסט, הער מיך אויס, ענטפער מיר, אדער דוא שטארבסט!

— ווער ביסט דוא? וואס ווילסט דוא פון מיר? האט דיא קעניגין געפרעגט, — פאר וואס ווילסט דוא מיך ערמארדען?

זיא האט געציטערט, וויא אין אפיעבער, דענאך האט זיא געהאט אזויא פיעל מוטה צו רעדען מיט'ן פרעמדען. זיא איז דאך געוועזען קעניגין פון שפאניען און האט שוין דורכגעלעבט ניט איין שווערע שטונדע אין איהר לעבען.

— וואס האב איך דיר געטאהן, וואס דוא ווילסט מיך טייטען? האט דיא קעניגין געפרעגט נאך אמאל.

— איך וויל דיך ניט טייטען, האט דער מאן געענטפערט, איך וויל נור דיך עפעס פרעגען.

— פְרֶעג אונ איך וועל דיר ענְטְפֶערְן.
— דיא וואהרְהֵייט?
— דיא וואהרְהֵייט. — ווער בִּיסְט דוא?
— איך בִּין דֶער איד אל מאמון, וועלְכֶער הָאט איבֶּערְגֶעגֶעבֶען דֶעם קֶענִיג פערדינאנד זיין איינְציגֶע טָאכְטֶער אַלְס הֵיילִיגֶען פְּפַאנְד, אַלְס מַשְׁכּוֹן, אַז איך ווֶעל הַאלְטֶען מַיין וואָרט. דֶעם אַנְדֶערְן טָאג אָבֶער הָאט מֶען מִיךְ גֶעפַאנְגֶען אונ מֶען הָאט מִיךְ אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען אין דיא הֶענְד פוּן דֶער אינְקְוויזיצְיָאן. איך הָאבּ גֶעהַאלְטֶען מַיין וואָרט; קֶענִיג פערדינאנד אָבֶער הָאט נִיט גֶעהַאלְטֶען זַיין וואָרט „נִיט אַלְס קֶענִיג, נִיט אַלְס עֶדֶעלְמַאן אונ נִיט אַלְס קְרִיסְט“.
— וואס ווילְסְט דוא אַלְזָא פוּן מִיר? הָאט דיא קֶענִיגִין גֶעפְרֶעגְט.
— איך בִּין גֶעקוּמֶען פָארְדֶערְן מַיין טָאכְטֶער, הָאט אל מאמון גֶעעֶנְטְפֶערְט שְׁטְרֶענְג אונ פִינְסְטֶער, וואו איז מַיין טָאכְטֶער?
— דוא הָאסְט זיא אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען דֶעם קֶענִיג פערדינאנד, גֶעה אונ פָארְדֶער זיא פוּן קֶענִיג פערדינאנד, הָאט דיא קֶענִיגִין גֶעעֶנְטְפֶערְט.

זיא הָאט זִיךְ אַבִּיסֶעל בֶּערוּהִיגְט, ווֶען אל מאמון הָאט איהר גֶעזָאגְט, אַז עֶר וויל זיא נִיט טָאהן, עֶר איז נור גֶעקוּמֶען פָארְדֶערְן זַיין טָאכְטֶער.
— זיא איז בַּייא דיר, איך ווייס עֶס זֶעהר גוּט, הָאט אל מאמון גֶעזָאגְט פִינְסְטֶער, איך ווייס אַז דוא הָאסְט זיא אַוֶועקְגֶעפִיהְרְט פוּן שְׁלָאס סָאבְּרֶענָא. זיא גֶעפִינְט זִיךְ עֶרְגֶעץ דָא אין לַאגֶער. וואו איז זיא?
— זיא איז נִיט אין לַאגֶער, הָאט דיא קֶענִיגִין גֶעעֶנְטְפֶערְט, איך הָאבּ זיא אַוֶועקְגֶעפִיהְרְט אין אַן אָרְט, וואו איהר זֶעלֶע וועט זַיין גֶערֶעטֶעט פוּן אֵייבִּיגֶען פַייעֶר אין גֵיהִנֹם.
— זָאג קֵיין לִיגֶען, קֶענִיגִין פוּן שפאניען! הָאט אל מאמון אויסְגֶערוּפֶען פִינְסְטֶער, דֶענְק נִיט, אַז דוא וועסְט מִיךְ אָפְּנַארֶען! איך ווייס אַלֶעס. איך ווייס, אַז זיא הָאט גֶעוואוינְט מִיט דאניא אינעז אין שְׁלָאס סָאבְּרֶענָא; איך ווייס, אַז דוא בִּיסְט גֶעקוּמֶען, הָאסְט אַוֶועקְגֶעשִׁיקְט דאניא אינעז עֶרְגֶעץ אין אַמָאנַאסְטִיר אונ מַיין טָאכְטֶער הָאסְט דוא מִיט גֶענוּמֶען מִיט זִיךְ קֵיין קארדאווא. —
קֶענִיגִין איזאבעללא הָאט גֶעוואָלְט עֶפֶּעס עֶנְטְפֶערְן, אל מאמון אָבֶער הָאט זיא נִיט גֶעלָאזֶען רֶעדֶען.
— עֶנְטְפֶער מִיר! הָאט עֶר אויסְגֶערוּפֶען שְׁטְרֶענְג אונ פִינְסְטֶער, עֶנְטְפֶער מִיר! זָאג מִיר, וואו איז מַיין טָאכְטֶער?
— דַיין טָאכְטֶער גֶעפִינְט זִיךְ נִיט אין לַאגֶער, הָאט דיא קֶענִיגִין

געענטפערט ערנסט. מיט אכטטאג צוריק איז זיא געווארען א קריסטין, זיא האט זיך געטויפט.

ווען דער דונער וואלט אריינגעשלאגען לעבען איהם, וואלט רבי מיימון ניט געווארען אזויא איבערראשט און אזויא דערשראקען, וויא יעצט, ווען קעניגין איזאבעללא האט איהם געזאגט, אז זיין טאכטער, זיין לאה'לע האט זיך געטויפט.

ער האט א ציטער געטאהן און איז געווארען בלייך וויא קאלך. דער יאטאגאן איז איהם ארויסגעפאלען פון דער האנד און ער איז געבליעבען שטעהן, וויא פערשטיינערט.

דיעזע שרעקליכע מינוט האט בענוצט קעניגין איזאבעללא. זיא איז ארויסגעלאפען פון איהר שלאף צימער און האט געמאכט א געוואלד, וועלכען מען האט געהערט אין גאנצען לאגער. אין איינגע מינוט זיינען זיך צונויפגעלאפען איהרע וואכען, איהרע אפיציערן, איהרע האף לייט און איהרע סאלדאטען.

דער גאנצער לאגער האט אנגעהויבען צו קאכען, וויא אין א קעסעל, מען האט אנגעהויבען צו שרייען און צו פרעגען:

— וואס איז דא געשעהן? פאר וואס האט דיא קעניגין זיך אזויא דערשראקען?

איידער מען האט געקענט עפעס געוואהר ווערן, איידער קעניגין איזאבעללא האט צייט געהאט צו ערקלערן, וואס מיט איהר האט פאסירט, האט זיך אנגעצונדען איהר געצעלט. א שווארצער רויך האט זיך געוויזען אויפ'ן דאך, באלד זיינען ארויסגעקראכען עטליכע פייעריגע צונגען און איידער מען האט אנגעהויבען צו פערשטעהן, וואס דא טהוט זיך, האט דאס גאנצע געצעלט פון דער קעניגין איזאבעללא געברענט, וויא א ליכט.

דאס געצעלט איז געווען געמאכט פון אזעלכע מאטעריאלען, וועלכע האבען זיך לייכט אנגעצונדען און האבען געברענט, וויא שטרויא.

— וואסער! — רעטעט! — לעשט! האט מען געשריען פון אלע זייטען.

קעניג פערדינאנד, דער קראנפרינץ און אלע העכערע גענעראלען זיינען געקומען צולויפען אין זייערע לייכטע מאנטלען. אלע זיינען געלאפען, אלע זיינען געווען דערשראקען, אלע זיינען געווען צומישט. קיינער האט ניט געוואוסט וואס צו טאהן און וויא צו לעשען דאס פייער אם שנעלסטען. מען האט געגאסען וואסער דארט, וואו מען האט ניט געדארפט; מען האט געלאשען דאס, וואס מען האט שוין מעהר ניט געקענט לעשען.

עס האט זיך אויפגעהויבען אווינמעל און האט צו ווארפען דאס פייער אויפ'ן גאנצען לאגער. באלד האט זיך אנגעצונדען דאס געצעלט פון קעניג פערדינאנד און דיא געצעלטען פון זיינע העכסטע אפיציערן און גענעראלען.

אונטער דעסען איז אריינגעבראכען דיא נאכט. עס איז געווארען שרעקליך פינסטער, נור דאס פייער האט בעלייכטעט דיא גאנצע געגענד, אז מען האט עס דערזעהן אין גראנאדא. דיא מחמדאנער האבען זיך פערזאמעלט. פרינץ מוזא האט אויסגערופען:

— יעצט איז דיא בעסטע צייט אנצופאלען אויף דיא שפאניער!

מיט דיעזע ווערטער האט ער געהייסען פויקען אלארם (טרעוואגא).

אין שפאנישען לאגער האט מען דערהערט דאס פויקען אין גראנאדא.

— דאס האבען געטאהן דיא מחמדאנער! האט קעניג פערדינאנד ענדליך אויסגערופען.

ער האט זיך געווענדעט צו זיין בעסטען גענעראל, פאנסע דע-ליאן, און האט געזאגט צו איהם:

— הייס צונויפרופען דיא גאנצע ארמעע! — וואפען אין דער האנד! מיר וועלען מוזען זיך שלאגען בייא נאכט.

דיא טראמפעטען האבען געקנאקט, דיא פויקען האבען געברומט, דיא שפאנישע ארמעע האט אנגעהויבען זיך צו פערזאמלען און אויפ-צושטעלען אין רעגימענטער און באטאליאנען. דיא קאוואלעריע איז געווארען אונרוהיג, דיא רייטער האבען זיך געריסען צו דיא מויערן פון גראנאדא.

דאס פייער האט אבער ניט געקענט לאנג דויערן. עס האבען געברענט אזעלכע זאכען, וועלכע פלאמען אויף און ווערן באלד פער-לאשען. איידער דיא שפאנישע און דיא מחמדאנישע ארמעען האבען צייט געהאט זיך צופערזאמלען, האט דאס פייער אויסגעפלאמט. עס איז געווארען דונקעלער און דונקעלער. ענדליך איז געווארען פינסטער.

ביידע ארמעען האבען מורא געהאט זיך צורירען פון ארט אין דער פינסטער. קעניג פערדינאנד האט זיך ענדליך בערוהיגט און האט אנגעהויבען אויס צו פרעגען דיא קעניגין, וואס עס האט פאסירט.

איזאבעללא האט איהם דערצעהלט אלעס.

— אזויא? האט קעניג פערדינאנד אויסגערופען, א איד האט עס געטאהן? — דיא אידען האבען עס אונטערגעצונדען מיין לאגער? — נון, זייא וועלען מיר טהייער בעצאהלען פאר דעם שאדען, וואס זייא האבען מיר געמאכט.

ער און זיינע גענעראלען האבען געמיינט, אז פרינץ מוזא האט

עס אונטערגעשיקט שפאנען, זייא זאלען אונטערצינדען זיין לאגער. יעצט אבער ווען ער האט געוואוסט, ווער עס האט עס געטאהן, האט ער זיך אין גאנצען בערוהיגט. באלד איז איהם געקומען אנייער געדאנק אין קאפ. ער האט געבעטען דיא קעניגין אונ זיינע גענעראלען, זייא זאלען צוקומען נעהנטער צו איהם אונ ער האט זייא געזאגט שטילערהייט:

— דיא ארמעע איז פעסט איבערצייגט, אז דיא מחמדאנער האבען עס אונטער געצונדען אונזער לאגער. לאמיר זייא ניט אויסזאגען דיא וואהרהייט! לאזען זייא גלויבען, אז דיא מחמדאנער זיינען פאלש אונ ניעדערטרעכטיג. דאס וועט זייא אויפרייצען צו שלאגען זיך אונ זייא וועלען בעזיעגען דיא מחמדאנער.

אלע זיינען געווען איינפערשטאנדען, אז מען זאל ניט זאגען דיא וואהרהייט פאר דער מלוכה. קעניג פערדינאנד האט געהייסען צונויפרופען דיא גאנצע ארמעע נאך אמאל. ער האט זיך אניעדערגעשטעלט אין דער מיט אונ האט געהאלטען פאלגענדע קורצע רעדע.

— סאלדאטען! דיא פאלשע אונ ניעדערטרעכטיגע מהמדאנער האבען מורא פאר אונז. זייא וואגען עס ניט זיך צושטעלען געגען אונז אויפ'ן שלאכטפעלד אונ זייא האבען געשיקט פערשטעלטע שפאנען אונטער צוצינדען אונזער לאגער. עס איז זייא געלונגען. זייא האבען פערברענט אונזערע געצעלטען. — סאלדאטען! זייא האבען אונז געגעבען אלעהרע. זייא האבען אונז געוויעזען, אז אונזערע קווארטירען דארפען זיין ניט אין געצעלטען, זאנדערן אין דיא פאלאצען פון גראנאדא *)!

— הורראה! טויט דיא מחמדאנער! דיא האלבע לבנה מוז פערשוואונדען ווערן פון שפאניען! — האבען אויסגערופען דיא סאלדאטען מיט איין קול.

קעניג פערדינאנד האט געהייסען דיא סאלדאטען זיך לעגען שלאפען, יעדער וואו ער וועט קענען.

ווען דיא סאלדאטען זיינען זיך צוגאנגען, האט ער געהייסען מאכען עפעס אגעצעלט פאר דער קעניגין אונ ער מיט זיינע גענעראלען האבען זיך אניעדערגעזעצט אויף דער ערד אונ האבען אפגעהאלטען אקריעגס ראטה (וואיעני סאוועט).

בין

*) דיעזע רעדע איז היסטאריש וואהר. דיעזע ווערטער האט געזאגט קעניג פערדינאנד אבענדס פאר דער גרויסער שלאכט.

ביז שפעט אין דער נאכט זיינען זייא געזעסען אונ האבען זיך בעראטהען, וויא אזויא אנצופאלען אויף גראנאדא, דיעזע שטארק בעפעסטיגטע שטאדט, אין וועלכער עס געפינט זיך אזא קלוגער אונ פעהיגער קריעגער, וויא פרינץ מוזא.

מען האט גערעדט אונ געפרעגט, וויא אזויא אל מאמון האט געקענט אריינקומען אין לאגער, וועלכער איז אזויא גוט בעוואכט. מען האט אבער זיך אויף קיין פאל ניט געקענט ערקלערן, וויא אזויא דאס איז געשעהן. קעניג פערדינאנד האט זיך ענדליך אויך איבערצייגט, אז אל מאמון איז געווים אצויבערער. נור דורך כישוף האט אמענש גע-קענט זיך אריינגנבענען אין אזא שטארק בעוואכטען לאגער.

עס איז געוועזען שפעט נאך האלבע נאכט, ווען קעניג פערדינאנד האט געזאגט צו זיינע גענעראלען.

— לאמיר זיך יעצט אביסעל צולעגען. מיר וועלען האבען מארגען אהייסען טאג. מיר מוזען זיך אויסרוהען אונ זאמלען קרעפטען אויף מארגען.

4.

דיא גרויסע שלאכט.

פאר דיא אידען אין גראנאדא אונ אין אלע שטעדט, אין וועלכע עס האבען געוואונט מהמדאנער, זיינען יעצט אנגעקומען שווערע צייטען. דיא נאכריכט פון דעם טראקטאט, וועלכען דיא אידען האבען אפגעשלאסען מיט'ן שפאנישען קעניג, אז זייא וועלען איבער-געבען גראנאדא אין זיינע הענד, ווען ער וועט זייא לאזען וואוגען אין זייערע שטעדט אונ זייא וועלען מעגען עפענטליך דיענען זייער גאט, — דיעזע נאכריכט האט זיך פערברייטערט שנעל, וויא אפייער, אין אלע שטעדט אונ אין אלע דערפליך, וואו עס האבען געוואונט אידען מיט מהמדאנער.

דיא מהמדאנער זיינען געווארען ווילד, אונרוהיג, בייז אונ האבען אנגעהויבען צו פערדרינגען דיא אידען, זייא צו בערויבען אונ צו טייטען. דיא פיינדשאפט צווישען דיעזע ביידע פעלקער האט זיך צו ברענט אונ עס האבען זיך געפונען מענשען, וועלכע האבען אונטער געפאכט דיעזעס פייער אונ האבען עס צו בלאזען אזויא שטארק, אז עס האט געברענט מיט העללע פלאמען.

דיא אידען האבען געמוזט זיך בעהאלטען אדער אנטלויפען קיין

שפאניען . דיא אידישע יונגע לייט, וועלכע האבען געפילדעט דיא אידישע לעגיאן אונ האבען אריינגעטרעטען אין דער ארמעע פון קעניג באאבדיל , האבען זיך ניט געקענט האלטען אונ זיינען זיך צולאפען איינציג ווייס .

אויסער דעם האבען דיא שפאניער אין דיא לעצטע עטליכע טעג געשלאגען דיא מחמדאנער אונ זייא פערטריעבען פון פיעלע שטעדט . דאס האט נאך מעהר אויפגערייצט דיא מחמדאנער געגען דיא אידען .

עס איז וואהר , אז ווען קעניג באאבדיל איז געוואהר געווארען , וואס עס איז געשעהן אין גראנאדא אין דער צייט , וואס ער איז ניט געוועזען אין דער היים , איז ער זעהר בייז געווארען אויף זיין גראס וועזיר יוסף אונ האט איהם געמאכט אשטרענגען פארוואורף , פאר וואס ער האט דערלאזען , אז בירגער זאלען טייטען בירגער .

עס איז אויך וואהר , אז זייט קעניג באאבדיל איז צוריק געקומען קיין גראנאדא , האט ער געזוכט צו דערשטיקען דיא פיינדשאפט צווישען אידען אונ מחמדאנער . ער האט זעהר גוט געקענט זיין פיינד , קעניג פערדינאנד . באאבדיל האט געוואוסט , אז קעניג פערדינאנד קען אליין אויסטראכטען אזא דאקומענט אונ איהם אריינשיקען אין דיא שטעדט פון דעם קעניג , מיט וועמען ער פיהרט קריעג .

קעניג באאבדיל האט פערשטאנען דיא פאליטיק פון זיין פיינד . ער האט פערשטאנען , אז קעניג פערדינאנד וויל אנמאכען קריעג , אונרוהע אונ אונצופריעדענהייט אין דיא מחמדאנישע שטעדט , אום ער זאל קענען זייא לייכטער אונ שנעלער איינגעהמען .

דיעזע פאליטיק איז אלט , וויא דיא וועלט . ווען איך וויל מאכען שוואכער מיינע פיינד , דארף איך זייא אויפרייצען , זייא צו קריעגען צווישען זיך . זייא וועלען דאן אליין זיך אפשוואכען .

דאס אלעס האט זעהר גוט געוואוסט קעניג באאבדיל אונ דער פאר האט ער געזוכט צו דערשטיקען דיעזע פיינדשאפט צווישען זייגע אונטערטהאנען , עס איז שוין אבער געוועזען צו שפעט . קעניג פערדינאנד האט געטראפען דעם ריכטיגען פונקט . דיא מחמדאנער זיינען געוועזען בייז אונ אויפגערעגט אויף דיא אידען . אנשטאט צו דענקען אן זייערע גרעסטע פיינד , דיא שפאניער , האבען זייא געטראכט , וויא צו אונטערדריקען דיא אידען .

עס איז געקומען אזויא ווייט , אז זאגאר דער עדעלער אונ מוטהיגער פרינץ מוזא האט פערלארען דעם מוטה אונ האט אנגעהויבען צו פערצווייפלען . ער האט אנגעהויבען צו זעהן אז דיא הערשאפט פון דיא אראבער אין שפאניען קען שוין לאנג ניט האלטען .

אזויא זייגען געשטאנען דיא זאכען אין גראנאדא ביז אין דער נאכט, ווען דער שפאנישער לאגער האט גאר פלוצלונג אפגעברענט. דאס פייער איז געווען אזויא שטארק, אז עס האט באלייכטעט דיא גאנצע שטאדט גראנאדא. דיא מחמדאנער האבען שוין אין איין צייט געגלויבט, אז זייער נביא מחמד האט עס ארעפגעשיקט דאס פייער אויף זייגע פיינד.

זאגאר דער קלוגער פרינץ מוזא האט געגלויבט אז אין שפא-נישען לאגער איז פארגעקומען עטוואס שרעקליכעס אונ ער האט געוואלט בענוצען דיעזע געלעגענהייט אום אנצופאלען אויף דיא שפאניער.

דאס פייער האט אבער באלד אויסגעברענט אונ אין לאגער איז אלעס וויעדער געווארען שטיל. דיא מחמדאנער האבען געמוזט בלייבען אין זייערע שטארקע מויערן, אפווארטען ביז עס וועט טאג ווערן.

פרינץ מוזא אונ קעניג באאבדיל זייגען געשלאפען דיעזע נאכט נור אפאר שטונדען. זייא האבען זיך פארבערייטעט אויפ'ן מארגע-דיגען טאג.

ווען עס איז נור וואס ליכטיג געווארען אין דרויסען, האט קעניג באאבדיל פערזאמעלט זיין ארמעע פאר דיא טויערן פון גראנאדא אונ האט פאר איהר געהאלטען אקורצע רעדע.

— מאסלעמים! קינדער פון דעם גרויסען פראפעט! האט ער געזאגט, דיא שפאניער זייגען פערלארען. גאט האט אונז געגעבען אצייכען פאריגע נאכט, אז ער וועט זייא פערניכטען. ער האט אויף זייא אנגעשיקט אפייער פון הימעל. יעצט איז דיא צייט אנצופאלען אויף זייא! יעצט איז דיא צייט צו פערטהיידיגען אונזערע הייזער, אונזערע פרויען אונ אונזערע קינדער! זייט בראוו, מאסלעמים! קיין מיטלייד אונ קיין פארדאן פאר דיא דשאאורס!

— אללאה איל אללאה! גאט איז גרויס! האבען געשריען דיא מחמדאנער מיט איין קול — עס לעבע דער קעניג באאבדיל על חאקים!

קעניג באאבדיל האט געגעבען אצייכען אונ דיא שווערע אייזערנע טויערן פון גראנאדא האבען זיך געעפענט. קעניג באאבדיל איז דער ערשטער ארויסגעפאהרען פון שטאדט, הינטער איהם זייגען ארויס-געפאהרען זייגע געטרייע רייטער, דיא פייערינע קאוואלעריא, פאר וועלכע דיא שפאניער פלעגען אזויא ציטערן. דאן זייגען ארויסגעגאנגען דיא סאלדאטען צו פוס, — דיא אינפאנטעריא.

פרינץ מוזא איז געווען דער לעצטער. ער האט געזעהן, אז

אלעס זאל זיין אין ארדנונג אין שטאדט און אויסער דער שטאדט. ער איז היינט געוועזען זעהר בלייך און אונרוהיג. ער האט ניט פיעל געהאפט פון היינטיגער שלאכט. ער האט נעכטען גוט געזעהן, וואס פאר אגרויסע מאכט קעניג פערדינאנד האט יעצט.

לאנגזאם, שטיל און רוהיג זיינען דיא מחמדאנער ארויסגע-גאנגען פון דיא טויערן פון זייער הויפט שטאדט. ווען זייא זיינען אלע געוועזען אין דרויסען און דיא שווערע טויערן האבען זיך פער-שלאסען הינטער זייא, האט פרינץ מוזא אנגעהויבען זייא אויסצושטעלען אין דער שלאכט ארדנונג. דיא פוסגעהר אין באטאליאנען, דיא רייטער אין עסקאדראנען.

דאס האט צוואר ניט פערנומען פיעל צייט, דיא שפאניער האבען עס אבער דערזעהן. אין איינינע מינוט האט זיך דיא שפאנישע ארמעע אויסגעשטעלט אין שלאכט ארדנונג און דער יונגער און פייעריגער גענעראל הערנאדא דעל פולגאר איז געריטען פאראויס אויף אשנעע ווייסעס פערד.

דאס איז געוועזען דערזעלבע הערנאדא דעל פולגאר, וועלכער האט געשלאגען קעניג באאבדיל לעבען דער שטאדט אלקאלא און האט פערטריעבען דיא מחמדאנער פון פיעלע אנדערע שטעדט. גענעראל הערנאדא איז געווארען שטאלץ. ער האט געמיינט אז ער וועט היינט אויך צושלאגען דיא מחמדאנער און וועט זייא צו טרייבען וויא דיא שעפסען.

געהנטער און נעהנטער זיינען צוגעקומען ביידע ארמעען איינער צו דער אנדערער. דיא שפאניער זיינען געוועזען פריש, מונטער און פרעהליך. דיא מחמדאנער זיינען געוועזען פינסטער, אונרוהיג, אויפ-געערגט און טרויעריג.

ווען גענעראל הערנאדא דעל פולגאר איז צוגעקומען אזויא נאהענט, אז מען האט געקענט הערען זיין שטימע אין דער מחמדאנישער ארמעע, האט ער אויסגערופען אין דער הויך:

— וואו איז עס דער מחמדאנישע הונד וועלכער האט זיך פער-שטעלט פאר אלייב און האט געוואלט אונז איבערשרעקען? וואו איז עס דער שטאלצער פרינץ מוזא בן אבדאלאה? וואס בעהאלט ער זיך פאר אונז?

אט איז ער! האט פרינץ מוזא געענטפערט, ציעה דיין שווערד און פערטהיידיג זיך, דוא נידעריגער שקלאף!

מיינע לעזער וועלען זיך געוויס וואונדערן אויף דיעזע ווילדע, גראבע שפראכע פון דיעזע העלדען. מיר זיינען ניט געוואונט צו

אזעלכע גראבהייטען. אין אונזערע צייטען זיינען אפיציערן און סאלדאטען זעהר העפליך געגען זייערע פיינד. אונזער געשיכטע האט אבער פאסירט מיט פינף הונדערט יאהר צוריק, ווען די מענשען זיינען געווען ווילד און גראב אין זייערע רעד, אין זייערע מאניערן און אין זייער בענעהמען.

דער האס פון די פערשיעדענע רעליגיאנען איינע געגען די אנדערע איז געווען אזויא שטארק, אז דער קריסט האט דעם מחמדאנער ניט גערעכענט פאר אמענשען און דער מחמדאנער האט בעטראכט דעם קריסט פאר אווילדע חיה. ביא היינטיגע ציוויליזירטע פעלקער קען אזא גראבע שפראכע ניט פארקומען.

מיר דארפען אויך ניט פערגעסען, אז דאמאלס האט מען זיך נאך ניט געשלאגען מיט קיין ביקסען. מען האט ערשט ניט לאנג אויסגעפונען דעם פולווער און מען האט ערשט אנגעהויבען צו מאכען קאנאנען (הארמאטעס). מען פלעגט זיך שלאגען מיט שפיזען און מיט שווערדען.

איידער הערנאנדא דעל פולגאר האט צייט געהאט ארויסצוכאפען זיין שווערד, האט פרינץ מוזא איהם אראפגעווארפען פון זיין זאטעל מיט זיין שפיז און האט ארויפגעשטעלט זיין פוס אויף הערנאנדא'ס ברוסט, דאס איז דאמאלס געווען די גרעסטע שאנדע פאר אקריעגער.

פרינץ מוזא וואלט אבער זיך ניט בעגניגט דער מיט, ער וואלט איהם געוועז געטייטעט, אין דיעזע מינוט אבער איז געווארען אגעשרייא צווישען די שפאניער:

— אונזער גענעראל! אונזער אנפיהרער!

עטליכע שפאנישע אפיציערן זיינען געקומען צו הילף זייער גענעראל. די מהומדאנער האבען געזעהן, אז זייער העלד, זייער פרינץ, איז אין געפאהר און זייא זיינען געלאפען איהם צו הילף.

ארום ביידע אנפיהרער האט זיך געבילדעט אלעבעדיגער קנויל פון מענשליכע קערפער. מען האט זיך געשלאגען, מען האט זיך געריסען, מען האט זיך געביסען. אלעס איז געווארען אויסגעמישט. שפאניער און מחמדאנער האבען זיך ארומגענומען, ווי די בעסטע פריינד און יעדער האט געוואלט דערשטעכען, דער ווארגען און צו קוועטשען דעם אנדערן.

די שלאכט האט זיך אנגעהויבען, די גרויסע און לעצטע שלאכט פאר גראנאדא. יעדער האט געוואוסט, אז ער מוז זיעגען אדער שטארבען. קיינער האט ניט געבעטען קיין פארדאן און קיינער האט איהם ניט געגעבען.

קעניג פערדינאנד מיט זיין סוויטע איז געשטאנען אויף אבערגעל אונ האט געקוקט אויפ'ן שלאכטפעלד. ער איז געוועזען ערנסט אונ טרויעריג. ער האט געזעהן אז דיא מחמדאנער זיינען אנגעפעהרליכער פיינד. זייא לאזען זיך ניט שלאגען אזויא לייכט.

— סאנט יאגא אין שפאניען! האט ער אויסגערופען.

— סאנט יאגא אין שפאניען! האבען געשריען פופציג טויזענד גארגלען אונ האבען זיך געווארפען אויף דיא מחמדאנער.

„סאנט יאגא אין שפאניען"! איז געוועזען דאס פעלד געשרייא פון דיא שפאניער. דיזע ווערטער האבען זייא בעגייסטערט אונ אויפגערייצט צו פערניכטען דיא מחמדאנער.

וויא אשטורמווינד האבען דיא שפאניער זיך ארויפגעווארפען אויף דיא מחמדאנער, האבען געהאקט, געשניטען, געשטאכען אונ געטייטעט, וועמען זייא האבען נור געקענט. זייא זיינען געוועזען מעהר. עס האט זיך אויסגעוויזען, אז דיא מחמדאנער זיינען פערלארען.

פלוצלונג האט זיך געוויזען אין לאגער פון דיא מחמדאנער אמאן מיט אווייסער פאהן אין דער האנד, אויף וועלכער עס זיינען געשטאנען בוכשטאבען אונ צייכענס, וועלכע ניט דיא שפאניער אונ ניט דיא מחמדאנער האבען ניט געקענט לעזען.

דיזער מאן איז צוגעקומען צו קעניג באאבדיל אונ האט אויסגערופען:

— קום, קעניג! גאט גיט דיר דיינע פיינד אין דיינע הענד!

וויא דער בליץ איז דער מאן מיט דער ווייסער פאהן ארומגעפלויגען ארום דיא רייהען פון דיא שפאניער. זייא האבען איהם דערקענט.

— דער צויבערער! דער צויבערער! האט מען געשריען פון אלע זייטען.

וואו דער מאן מיט דער ווייסער פאהן האט זיך געוויזען, זיינען דיא שפאניער אנטלאפען פון איהם. קעניג פערדינאנד האט זיך דערשראקען. ער האט געוואוסט, וואס עס הייסט אין אקריגס אבערגלויבען. קוים וועלען זיך דיא סאלדאטען איינרעדען אז אצויבערער שלאגט זיך געגען זייא, וועלען זייא פערליערן דעם מוטה. דאן איז דיא שלאכט פערלארען.

— איך גיב פינף הונדערט רעאלען דעם מאן, וועלכער וועט טייטען דעם מאן מיט דער ווייסער פאהן אדער וועט ארויסרייסען פון איהם דיא ווייסע פאהן! האט ער אויסגערופען.

דער אלטער גענעראל פאנסעע דע לעאן האט זיך אונטערגענומען
לירין
עס

עס צו טאהן. ער האט עס געטאהן ניט פאר'ן געלד, זאנדערן וויל ער האט געזעהן, אז אלע האבען מורא זיך צו שטעלען געגען דעם צויבערער. ער האט געגעבען זיין פערד דיא שפארען אונ איז גע־לאפען זוכען דיא ווייסע פאהן. ער האט זיא געזעהן פון דער ווייטען, ער האט אבער ניט געקענט ערגרייכען דיא ווייסע פאהן. ער האט זיא געזעהן פון דער ווייטען, ער האט אבער ניט געקענט צוקומען צו איהר. וויא אמויער זיינען דיא מחמדאנער געשטאנען ארום דיעזע זאנדערבארע פאהן.

דער מאן מיט דער ווייסער פאהן איז אבער ניט געשטאנען אויף איין ארט. ער איז מיט איהר ארומגעלאפען, וויא אשטורמווינד אונ וואו ער האט זיך געוויעזען, זיינען דיא שפאניער פאר איהם אנטלאפען.

פלוצלונג איז ער צוגעקומען צו דעם ארט, וואו קעניג פער־דינאנד איז געשטאנען, אונ האט אגעשרייא געטאהן מיט אשרעק־ליכער שטימע.

— גיב זיך אונטער, דוא פאלשער מענש! — איך בין אל מאמון! איך ווייס, אז דוא ביסט פאלש אונ דייןווארט איז פאלש! — קעמפף מיט מיר מאן געגען מאן!

ער האט אויפגעהויבען זיין שווערד אונ האט געוואלט טרעפען קעניג פערדינאנד, אין דיעזע מינוט איז אנגעלאפען פאנסע דע לעאן אונ האט מיט זיין שווערד צוריסען דיא ווייסע פאהן.

אל מאמון איז אנטלאפען. מיט דער ווייסער פאהן איז פער־שוואונדען געווארען דאס גליק פון דיא מחמדאנער, זייא האבען זיך מעהר ניט געקענט האלטען געגען דעם שטארקערן פיינד אונ האבען אנגעהויבען צו אנטלויפען.

קעניג באאבדיל האט געזעהן מיט שמערץ אונ פערדרוס, וויא זיינע געטרייע רייטער אונ פוס פאלק אנטלויפען אין אלע זייטען. ער האט געזוכט מיט דיא אויגען פרינץ מוזא.

— זא לאנג ער האלט זיך נאך, איז דיא שלאכט ניט פער־לארען, האט דער אונגליקליכער קעניג געמורמעלט.

פרינץ מוזא האט זיך נאך געהאלטען אונ האט נאך געשריען צו זיינע קריעגער:

— וואס אנטלויפט איהר? ווייסט איהר דען ניט, אז דורך אייער אנטלויפען גיט איהר זיך איבער אין דיא הענד פון אייערע פיינד?

— דיא ווייסע פאהן וועהט ניט מעהר, האט מען איהם געענט־פערט, מיר זיינען פערלארען!

— פערדאמט זאל ווערן דיא ווייסע פאהן און אלע דיעזע צוויבער-שטיק! האט פרינץ מוזא אויסגערופען און האט געקריצט מיט דיא צעהנער פאר שמערץ.

עס האט גאר ניט געהאלפען. דיא שפאניער האבען געזיעגט.

— סאנט יאגא אין שפאניען! האט מען געהערט שרייען פון אלע זייטען.

דיא מויערן פון גראנאדא האבען זיך געעפענט און דיא מחמדאנער האבען אנגעהויבען אריינצולויפען אין זייער פעסטונג. דער לעצטער איז געוועזען פרינץ מוזא. ער איז געוועזען הייזעריג, בלייך, און האט געציטערט, וויא אין אפיעבער. ווען דיא טויערן האבען זיך פערשלאסען הינטער איהם, איז ער געפאלען אין אהנמאכט.

אזויא האט זיך געענדיגט דיא גרויסע שלאכט פאר דיא מויערן. דיא שפאניער האבען געזיעגט. דיא מחמדאנער זיינען אנטלאפען געווארען. עטליכע הונדערט געפאנגענע זיינען אריינגעפאלען אין דיא הענד פון דיא שפאניער. צוויא טויזענד טויטע און פערוואונדעטע מחמדאנער און דרייא טויזענד טויטע און פערוואונדעטע שפאניער האבען בעדעקט דאס שלאכט פעלד.

גענעראל הערנאנדא דעל פולגאר איז געפאלען, פיעלע אנדערע שפאנישע אפיצירען זיינען געליגען טויט אויפ'ן שלאכט פעלד, קעניג פערדינאנד אבער איז געוועזען צופריעדען. ער האט ענדליך געבראכען דיא מאכט פונ'ם שטאלצען פרינץ מוזא, דעם איינציגען מחמדאנער, פאר וועלכען ער האט מורא געהאט.

פון דעסטוועגען האט דער קריעג זיך נאך ניט געענדיגט. קעניג באאבדיל און פרינץ מוזא האבען זיך פערשפארט אין גראנאדא און האבען בעשלאסען זיך צו פערטהיידיגען ביז צום לעצטען טראפען בלוט.

קעניג פערדינאנד האט געוואוסט זעהר גוט, אז עס וועט איהם זיין זעהר שווער דורכצוברעכען דיא דיקע מויערן פון דיעזער שטארק בעפעסטיגטען שטאדט. גראנאדא איז דאמאלס געוועזען א פעסטונג ערשטער קלאסע, וועלכע מען האט ניט געקענט אזויא לייכט איינגעהמען.

5.

דיא נאנע.

אין א שעהנער טאהל צווישען הויכע בערג געפינט זיך א גרויסער שלאס. הויכע, אלטע, שטיינערנע מויערן רינגלען ארום דיעזעם שלאס. דיעזע מויערן זיינען שוין אזויא אלט, אז זייא זיינען אין גאנצען בעוואקסען מיט מאאס (מאך) אונ גראז.

דיא געגענד ארום איז שעהן, וויא א גן עדן. דיא פעלדער זיינען בעדעקט מיט בלומען. דיא וועלדער שמעקען פון דיא פיעלע אפעלסינען ביימער אונ ציטראנען ביימער וועלכע וואקסען אין זייא.

ארום שלאס איז אלעס פול מיט לעבען, פרייד, ליעבע אונ גליק. אין דיא מויערן פונ'ם שלאס אבער איז עס פינסטער, איינזאם אונ טרויעריג. דאס איז דער מאנאסטיר פון דעם היילינגען דאמיניק, אדער דיא דאמיניקאנערינען, ווייל עס איז א פרויען מאנאסטיר.

דיעזער מאנאסטיר איז א גראב, א קבר, וואו עס ליעגען בעגראבען לעבעדיגע מענשען. ווער עס איז איין מאל אריינגעקומען אין דיעזען מאנאסטיר, דער וועט שוין קיין מאל ניט ארויסגעהן פון זיינע מויערן. אזויא איז דיא רעגעל פון דיעזען מאנאסטיר.

אין דיעזען מאנאסטיר קומען פרויען ניט אום צו לעבען דארט אונ צו בעטען גאט, זאנדערן אום צו שטארבען. זעלטען ענטשליעסט זיך א פרויא פרייא וויליג אריינצוטרעטען אין דיעזען מאנאסטיר. עס וואלט אין איהם קיין מענש ניט געלעבט אונ ניט געוואלט לעבען, אבער אנדערע מאנאסטירען שיקען אהער נאנען (מאנאשקעס) וועלכע האבען זיך פערזינדיגט אונ מען וויל זייא בעשטראפען.

דיעזער מאנאסטיר איז א סארט צוכטהויז (ארעסטאנסקאיא ראטא), וואוהין מען שיקט נור פערברעכער, וועלכע מוזען דארט ענדיגען זייער לעבען.

דיא רעגעלן פון דיעזען מאנאסטיר זיינען זעהר שטרענג. יעדע נאנע וואוינט אין א בעזונדער קעמעריל, פון וועלכען זיא דארף ניט ארויסגעהן, אויסער ווען דיא אבטעסין הייסט עס.

דיא נאנען טארען ניט זעהן איינע דיא אנדערע אונ טארן ניט רעדען איינע צו דער אנדערער. א גאנצען טאג מוז יעדע פון זייא ליעגען פערשפארט אין איהר קעמעריל, נור ווען דיא גלאקען פון דער קירכע הייבען אן צו קלינגען, לויפט יעדע אין קירכע, וואו זיא מוז זיך שטעלען אויף דיא קניע אויפ'ן נאקעטען פלאסטער, וועלכער בעשטעהט

פון גרויסע פיער עקיגע, הארטע שטיינער. דיא נאנע מוז שטעהן אויף קניע דיא גאנצע צייט, וואס דאס געבעט דויערט.

זעהר אפט מוז דיא נאנע אזויא שטעהן צוויא-דרייא שטונדען נאכאנאנד. זיא טאר זאגאר ניט אויפהייבען דיא אויגען אונ אקוק טאהן, וואס עס טהוט זיך ארום איהר.

קוים טהוט זיא עפעס ניט, וויא דיא אבטעסין וויל, בעשטראפט מען זיא. מען ווארפט זיא אריין אין אפינסטערעס, פייכטעס אונ קאלטעס געפענגניס, וואו זיא מוז פערבלייבען וואכען אונ זאגאר מאנאטע.

דיא נאנען טארען זיך ניט בעקלאגען, אז מען בעהאנדעלט זייא שלעכט, אונ זייא האבען אויך ניט פאר וועמען זיך צו בעקלאגען. קוים זאגט איינע, אז זיא איז עפעס אונצופריעדען, בעשטראפט מען זיא שוין. —

אין אקליין קעמעריל אין איינעם פון דיא גרויסע אונ לאנגע קארידארען זיצט איונגע פרויא. דאס קאמעריל האט נור איין שמאלעס פענסטעריל, וועלכעס בעלייכטעט זעהר שוואך דאס קליינע ציםעריל. דענאך איז עס ליכטיג גענוג אום צו זעהן, אז עס געפינען זיך אין איהם נור אן איינפאכעס הילצערנעס בעט מיט אדינעם אונ הארטען מאטראץ, אויף וועלכען עס ליעגט אקליינעס, דינעס קישעלע אנגע-שטאפט מיט שטרויא אדער מיט הייא.

לעבען בעט שטעהט אגאנץ קליינעס הילצערנעס טישעלע, אויף וועלכען עס ליעגט אגעבעט בוך. אויף דער ערד לעבען טישעלע שטעהט אלעהמענער קרוג מיט וואסער.

אויף דער וואנד איבערן בעט הענגט אגרויסער, שווארצער קרייץ, צו וועלכען עס זיינען צוגעשלאגען אטויטער קאפ, אליטעריל, אהאמער אונ עטליכע נעגעל. אזעלכע קרייצע זעהט מען אפט אין דיא לענדער, וועלכע זיינען בעוואוינט פון קאטוליקען.

דאס איז דאס מעבעל אונ דיא איינריכטונג פון דיעזעם טרוי-עריגעם קאמעריל, וואו איונגעס, פרישעס מענשענלעבען איז בעגראבען אויף אייביג.

דיא יונגע פרויא זיצט אויפ'ן בעט טרויעריג אונ פערטראכט. פון צייט צו צייט לאזט זיך ארויס פון איהר ברוסט אטיעפער זיפץ. אפט פאלט זיא אניעדער אויפ'ן בעט, פערגראבט איהר קאפ אין דעם קליינעם קישעלע אונ וויינט מיט הייסע ביטערע טרעהרען.

אין דרויסען שיינט דיא זון, אלעס לעבט אונ איז פרעהליך, אין דיעזען קעמעריל אבער איז עס דונקעל, קאלט אונ טרויעריג.

פלוצלונג איז דיא יונגע נאנע אויפגעשפרונגען אונ האט זיך שנעל

אפגעווישט דיא טרעהרין פון דיא אויגען. מען האט אקלאפ געטאהן
אין דער טהיר. איידער דיא יונגע נאנע האט צייט געהאט צו פרעגען,
ווער עס קלאפט, האט זיך דיא טהיר געעפענט אונ דיא אבטעסין פון
מאנאסטיר איז אריינגעקומען.

דיא יונגע נאנע האט אציטער געטאהן. זיא האט געוואוסט, אז
דיא אבטעסין קומט ניט אומזיסט, זיא קומט נור דאמאלס, ווען זיא וויל
בעשטראפען אנאנע.

בערוהיג דיך, מיין קינד, האט דיא אבטעסין געזאגט פריינדליך,
איך בין ניט געקומען דיך בעשטראפען, אדער דיר שלעכטעס צו
טאהן. — עס איז וואהר, אז דיא רעגעלן פון אונזער הייליגען מאנאסטיר
זיינען זעהר שטרענג. אזויא פארדערט עס דער הייליגער ברודער
טהאמאס דע טארקוועמאדא. ער איז זעהר פרום אונ זעהר הייליג.
ער איז אבער צו שטרענג. דאס וויסען מיר.

דיא יונגע נאנע האט אויפגעריסען איהרע אויגען אונ האט גע-
קוקט מיט שרעק אונ שטוינען אויף דיא אבטעסין. זייט זיא געפינט
זיך אין דיעזען מאנאסטיר, האט זיא פון דער אבטעסין נאך ניט גע-
הערט קיין פריינדליכעס ווארט. זיא האט געוואלט עפעס ענטפערן,
עפעס זאגען, עפעס רעדען, דיא אבטעסין האט איהר אבער ניט
געלאזען.

— איך וויים, אז דוא ביסט געבארען אונ אויפגעוואקסען אין
אנ'אנדער לאנד אונ צווישען אנדערע מענשען, האט דיא אבטעסין
וויטער געזאגט, איך וויים, אז דוא האסט מורא פאר דעם שטרענגען,
פרומען אונ הייליגען ברודער טהאמאס דע טארקוועמאדא אונ אזויא
וויא איך האב דיך זעהר ליעב, האב איך בעשלאסען צו שיקען רופען
פון דיינעט וועגען אנ'אנדער גייסטליכען, וועלכער וועט דיך לערנען
אונזער הייליגען גלויבען. ער איז יעצט דא. איך וויל איהם אריי-
פיהרען צו דיר אונ לאזען איהם אליין מיט דיר.

מיט דיעזע ווערטער האט דיא אבטעסין געמאכט אקרייץ איבערן
קאפ פון דער יונגער נאנע אונ האט אויפגעעפענט דיא טהיר פון
איהר קעמעריל.

אויף דער טהיר האט זיך געוויעזען אגעשטאלט אנגעטאהן וויא
אמענך (מאנאך) אין אשווארצען מאנטעל מיט אווייסען שטריק אלס
גארטעל. פון דיעזען שטריק איז אראפגעהאנגען אויף אשווארצער קייט
אגרויסער שווארצער קרייץ. דאס געזיכט פון דעם מענך האט מען
ניט געקענט זעהן, ווייל ער האט אראפגערוקט דיא קאפוצע איבער
דיא אויגען.

דיא אבטעסין איז פערשוואונדען געווארען. דער מענך איז

ארײנגעקומען אין צימער, האט ארונטערגעלאזען דעם קאפ אויף דער ברוסט און איז געבליעבען שטעהן אײנגע אויגען בליקנע פאר דער נאגע.

אין צימעריל איז געווארען שטיל, אז מען האט געקענט הערען, וויא דאס הערץ פון דער נאגע האט געקלאפט בייא איהר אין ברוסט. זיא איז געזעסען, וויא פערשטיינערט און האט זאגאר ניט געוואלט אויפהייבען דיא אויגען און אקוק טאהן אויף דעם מאן, וועלכער איז געשטאנען פאר איהר.

— טאכטער! האט דער גייסטליכער ענדליך געזאגט מיט אווייכער, מילדער שטימע, — טאכטער! דא איז אטרויעריגער פלאץ פאר איונגעס מעדכען. עס איז זעהר שווער זיך אפצוזאגען פון דער וועלט, פון לעבען, וואו עס איז אזויא ווארם, אזויא אנגענעהם און אזויא פרעהליך, עס איז זעהר שווער אין דיינע יאהרען צוא זיין אלעבעדיגע טויטע, צוא זיין בעגראבען, אין דער צייט, ווען דאס הערץ קלאפט פרעהליך און דאס לעבען איז נאך אזויא ליעב און אזויא זיס. — איך בין קיין אינקוויזיטאר. איך בין ניט דער שטרענגער פרומער, וועלכער פערלאנגט, או דער מענש זאל זיך אליין טייטען און אליין פערראטען. איך פיהל, וויא שווער עס איז דיר אין דיזעס פינסטערע, ענגע און קאלטע צימעריל. איך פערשטעה דיינע ליידען און פיהל דיין שמערץ, האב צוטרויען צוא מיר, טאכטער! — זאג מיר דיא וואהרהייט! האסט גאר קיין מורא פאר דאס שיקזאל, צוא וועלכען זייא האבען דיך פערורטהיילט? ווילסט דוא ניט ארויסקומען פון דיזע שרעקליכע מויערן? — ווילסט דוא ניט זיין אמענש גלייך מיט אלע מענשען?

— ניין, האט געזאגט לאנגזאם און גאנץ שטיל דיא יונגע נאנע.

אין דיזעס קליינע ווארט, אין דיזען ניין זיינען געלעגען אזויא פיעל שמערצען, אזויא פיעל ליידען און אזויא פיעל וועהטאג, אז עס האט געדארפט ריהרען א שטיין.

עס איז געווען דייטליך געגוג, אז דיא יונגע נאנע האט געזאגט דאס ווארט ניין, ווייל זיא האט מורא געהאט צוא זאגען: יא. זיא האט גוט געוואוסט, אז ווען זיא זאל זאגען, אז זיא וויל דא ניט בלייבען פאר טהאמאס דע טארקוועמאדא, וואלט ער באלד געהייסען זיא ארײנווארפען אין פינסטערן קעלער פון דעם מאנאסטיר.

— בערוהיג דיך! האט דער גייסטליכער געבעטען, איבערלעגע זיך! דוא האסט נאך צייט.

דיא יונגע נאנע האט צום ערשטען מאל אויפגעהויבען איהרע אויגען און האט אקוק געטאהן אויף דעם מאן, וועלכער האט גערעדט מיט איהר. זיא האט אבער ניט געקענט זעהן זיין געזיכט און האט ניט געקענט וויסען, אויב ער איז נור געקומען זיא אויספארשען

אדער

אדער ער מיינט עס ערנסט, אז ער וויל זיא בעפרייען פון דיעזען שרעקליכען מאנאסטיר.

— צוא וואס זאגסט דוא עס מיר, פרומער ברודער? האט זיא ענדליך געפרעגט, — איז דען דא אמעגליכקייט ארויס צוא קומען פון דיעזע מויערן? ווער קען עס דען טאהן? ווער איז דען אזויא שטארק מיך צוא בעפרייען פון דיעזע קייטען?

— איך קען עס טאהן! האט דער מענך אויסגערופען, — אין גאנץ שפאניען איז דא נור איין מענש וועלכער איז אים שטאנד דיך צוא בעפרייען אונ דיעזער מענש — בין איך!

— דוא? האט דיא יונגע נאנע געפרעגט פערוואונדערט, ווער ביסט דוא דען, וואס דוא האסט קיין מורא פאר'ן גראם אינקוויזיטאר פון שפאניען? — ווייסט דוא דען ניט, אז זאגאר דער קעניג אונ דיא קעניגין פון שפאניען קענען גאר ניט מאכען געגען דעם ווילען פון דיעזען שטרענגען מאן? ווייסט דוא דען ניט, אז וואס טהאמאס דע טארקוועמאדא הייסט, דאס מוז געשעהן?

דער גייסטליכער האט שטאלץ אויפגעהויבען דעם קאפ אונ האט אנגעהאפט זיין קאפוצע; ער האט זיך אבער בעהערשט, האט אראפגערוקט זיין קאפוצע נאך טיעפער איבער זיינע אויגען אונ האט געזאגט מיט א רוהיגער, מילדער שטימע.

— טאכטער! הער מיך אויס! — הער מיך אויס רוהיג אונ אויפ-מערקזאם! עס איז וואהר, אז דיא קעניגין פון שפאניען האט דיך געשיקט אין דיעזען שרעקליכען מאנאסטיר אונ האט דיך איבער געגעבען אין דיא הענד פון דעם ווילדען אונ שטרענגען טהאמאס דע טארקאוועמאדא. דיא קעניגין פון שפאניען הייסט איזאבעללא דיא פרומע אונ דענקט נור פון גאט אונ פון דעם הייליגען גלויבען, אבער ניט אלע מענשען זיינען אזויא שטרענג וויא זיא. אין לאגער פון דיא שפאניער געפינט זיך אמאן, וועלכער דענקט אנדערש פון דיר. ער ליעבט דיך אונ קען ניט לעבען אהן דיר. דיא קעניגין איזאבעללא האט זיך אמאל עפעס דערשראקען אדער זיא האט געטרוימט פון דיר און דעם אנדערן טאג אין דער פריה האט זיא אנגעשריעבען אבריעף צוא דער אבטעסין פון דיעזען מאנאסטיר אונ האט געשיקט רופען אגוטען אונ פריינדליכען מענך, ער זאל איבער געבען דעם בריעף צוא דער אבטעסין אונ זאל בלייבען אין דיעזען מאנאסטיר, ביז דוא וועסט אנגעהמען אונזער הייליגען גלויבען.

דער מאן אבער, וועלכער ליבט דיך אונ וועלכער קען ניט לעבען אהן דיר, האט צוגענומען פון דעם גייסטליכען דעם בריעף פון דער קעניגין, האט בייא איהם אויסגעליהען זיינע קליידער, האט זיך

פערשטעלט פאר א מענך און איז געקומען צוא פליהען דיך צוא זעהען און מיט דיך צוא רעדען.

מיט דיעזע ווערטער האט ער אראפגעריסען די קאפוצע פון זיין קאפ. דיא יונגע נאנע האט דערזעהען פאר זיך דאן זשואן, דעם קראנפרינץ פון שפאניען.

6.

לאהלע און דער קראנפרינץ.

אונזערע לעזער האבען געוויס פערשטאנען, אז דיא יונגע נאנע איז געוועזען לאה׳לע. ווען דיא קעניגין איזאבעללא האט זיא צוגענומען פון שלאס סאבראנא און פון דער גוטער און עדעלער דאניא איגעז, האט דיא קעניגין גערעכענט, אז איהר וועט עס זיין זעהר לייכט איינצורעדען דאס יונגע מעדכען, זיא זאל זיך טויפען. איזאבעללא האט זיך אבער באלד איבערצייגט, אז מיט גוטען וועט זיא גאר ניט מאכען מיט דיעזעס פערעקשנטע, איינגעשפארטע אידישעס מעדכען.

און זיא האט פראבירט מיט בייזען.

— טארקוועמאדא האט רעכט, האט איזאבעללא געזאגט צוא זיך אליין. דאס אידישע פאלק איז איינגעשפארט, זייער אייגענער געזעצגעבער משה האט זיא גערופען עם קשי עורף. עס איז ווירקליך א האַרטעס פאלק, מיט וועמען מען קען ניט אויסקומען מיט גוטען, מען מוז זייא צווינגען אנצונעהמען דעם היילינגען קאטוילישען גלויבען.

זיא האט דאהער בעשלאסען אוועקצושיקען לאהלען אין מאנאסטיר פון דיא דאמיניקאנערינען און זיא איבערגעבען אין דיא הענד פון דעם גראס אינקוויזיטאר, ער זאל זייא צווינגען זיך צוא טויפען.

מען האט אוועקגעפיהרט לאה׳לען אין מאנאסטיר און מען האט זיא בעהאנדעלט שטרענגער פון אלע איבעריגע נאנען. טארקוועמאדא פלעגט זיא אפט בעזוכען און פלעגט איהר ערקלערען, אז זיא מוז לאזען זיך טויפען, ווען ניט וועט ער זיא אריינווארפען אין פינסטערן קעלער.

ער האט אויך געהאלטען זיין ווארט און האט געהייסען זיא האלטען עטליכע טעג אין פינסטערן, נאסען און קאלטען קעלער. דאס האט אבער זעהר ווייניג געהאלפען. אזויא איז שוין דער אידישער כאראקטער. וואס מעהר מען דריקט איהם, אלץ פעסטער האלט ער זיך אן דעם גלויבען פון זייגע עלטערן.

אונטער דעסען איז דיא קעניגין איזאבעללא מיט איהר הויף
אוועקגעפאהרען ... לייק

אוועקגעפאהרען קיין גראנאדא, וואו עס האט זיך יעצט געפונען דיא גאנצע שפאנישע ארמע.

מיר האבען שוין דערצעהלט, וויא רבי מיימון איז געקומען צוא איהר אונ האט געפאדערט ביא איהר זיין קינד, איזאבעללא האט זיך דערשראקען, זיא האט איינגעזעהן, אז מיט דעם אידען אל מאמון טאר מען ניט שפאסען. ער קען ווירקליך זיא טייטען. זיא האט דאהער געוואלט שיקען אקלוגען אונ רוהיגען גייסטליכען וועלכער זאל איבערערעדען לאה׳לען זיך צוא טויפען.

דאס האט פערדראסען דעם גראס אינקוויזיטאר אונ ער האט עס דערצעהלט דעם קראנפרינץ. קוים איז דאן זשואן געוואהר געווארען, וואו לאה׳לע געפינט זיך. האט ער געזוכט עפעס אנאויסרעד אוועק צופאהרען פון לאגער.

דער גראס אינקוויזיטאר האט איהם געהאלפען. עס איז זייא געלונגען צוא צונעהמען ביים גייסטליכען, וועלכער האט געדארפט פאהרען צוא לאהלען, דעם בריעף, וועלכען דיא קעניגין איזאבעללא האט איהם געגעבען צוא דער אבטעסין פון מאנאסטיר.

דאן זשואן האט זיך אנגעטאהן דיא קליידער פון אמענך, האט גענומען דעם בריעף פון דער קעניגין אונ איז געקומען אין מאנאסטיר דיא אבטעסין האט געמוזט איהם אויפנעהמען אונ איהם פיהרען צום קעמעריל פון דער יונגער נאנע.

קוים האט ער אראפגעווארפען דיא קאפוצע פון זיין קאפ האט איהם לאהלע באלד דערקענט אונ האט אויסגערופען.

— איהר זייט עס? — איהר? — דער קראנפרינץ פון שפאניען? — אייך האב איך ניט ערווארטעט!

— פאר וואס ניט? האט דאן זשואן געפרעגט. פאר וואס האסט דוא עס ניט ערווארטעט פון מיר? ווייסט דוא דען ניט, אז איך ליעב דיך?

— אך, יא! דוא ליעבסט מיך! האט לאה׳לע אויסגערופען ביטער, דוא ביסט דיא אורזאכע פון אלע מיינע שמערצען, פון אלע מיינע ליידען. דורך דיין ליעבע האט דיין מוטער מיך אוועקגעריסען פון דעם רוהיגען אונ שטילען שלאס סאברענא! דורך דיין ליעבע זיץ איך יעצט אין דיעזען פינסטערן געפענגניס. — אך! דיין ליעבע!

דאן זשואן איז געפאלען פאר איהר אויף דיא קניא אונ האט געוואלט נעהמען איהר האנד. לאהלע האט זיך אבגעקעהרט פון איהם.

איך ווייס, אז דוא האסט געליטען דורך מיר, האט ער געזאגט, איך וועל מיך דער פאר בעמיהען דיר צוא בעצאהלען פאר דיינע ליידען. איך וועל גוט מאכען, וואס איך האב שלעכט געמאכט. — איך

בין דאך דער איינציגער מענש, וועלכער קען דיך רעטען. איך בין דאך דער קראנפרינץ, דער קינפטיגער הערשער פון דיעזע לענדער. איך האב שוין יעצט גענוג גוטע פריינד, וועלכע וועלען מיר העלפען. קום נור מיט מיר, נעהם אן אונזער גלויבען און ליעב מיך. דוא וועסט ווערען מיין פרויא, דוא וועסט נאך אמאל זיין דיא קעניגין פון דיעזע לענדער.

— וואס רעדסט דוא, פרינץ? וויא קענסט דוא מיך ארויס נעהמען פון דיעזע מויערן, וועלכע ווערען אזויא שטרענג בעוואכט?

זארג דיך ניט דער פאר! האט דאן זשואן אויסגערופען, איך האב מיין ליעב וואך, איך האב קארעטעס, איך האב פערד. זאג נור, אז דוא וועסט מיך ליעבען און נאך היינט בייא נאכט ביסט דוא פרייא.

לאה׳לע האט געשוויעגען איינע אויגען בליקע, גלייך וויא זיא וואלט זיך איבער לעגט, וואס צוא ענטפערן, ענדליך האט זיא געזאגט טרויעריג.

— דוא רעדסט אומזיסט, פרינץ! איך קען דיך ניט ליעבען און איך וועל דיך ניט ליעבען.

— געדענק, וואס דוא רעדסט! איבערלעגע זיך גאנץ גוט, וואס דוא טוסט! האט דער פרינץ אויסגערופען, ווען איך וועל דיר ניט ארויס נעהמען פון דאנען, וועסט דוא בלייבען אין דיעזע מויערן אנגעפאנגענע אויף אייביג — אך! וויא טרויעריג, וויא שרעקליך איז עס צוא וויסען, אז מען איז לעבעדיגערהייט בעגראבען, אז לאנגע, לאנגע יאהרען מוז מען צוא ברענגען אין דיעזע פינסטערע ווענד, קאן עס אמענש אויסהאלטען? קען מען עס איבערטראגען?

לאה׳לע האט געשוויעגען.

— איך וויס, וואס דוא שווייגסט, האט דער קראנפרינץ ווייטער געזאגט, דוא ווייסט, אז דאס ערשטע מאל, ווען איך האב דיר דערקלערט מיין ליעבע, האב איך עס ניט געמיינט ערנסט.

לאהלע האט געווארפען אויף איהם אזאנדערבארען בליק, וועלכער האט געזאגט גאנץ דייטליך: ענדליך הייבסט דוא אן מיך צוא פערשטעהן.

— דוא האסט רעכט, קינד! האט דאן זשואן אויסגערופען, דאס ערשטע מאל וואס איך האב דיך דערזעהן, ביסט דוא מיר געפעלען איך האב דיר ערקלערט מיין ליעבע, איידער איך האב זיא פער־שטאנען, איידער איך האב פראבירט מיין הערץ, איידער איך האב נאך אליין געוואוסט, וואס עס טהוט זיך און וואס עס קאכט זיך אין מיר. זייט דאמאלס זיינען פערגאנגען פיעלע מאנאטע. איך האב

צייט געהאט דיך צוא פערשטעהן, דיך צוא דערקענען. יעצט האב איך דיך דערקענט, איך ווייס, אז איך ליעב דיך מיט אוואהרער, הייסער פייעריגער ליעבע, וועלכע לעבט איבער דעם מענשען. — פערווארף מיך ניט, לאהלע! שטויס מיך ניט אוועק פון דיר! — איך קען ניט לעבען אן דיר!

לאה'לע האט זיך אויפגעהויבען פון איהר בעט אונ איז געשטאנען גלייך. זיא האט געקוקט דעם פרינץ גלייך אין דיא אויגען אונ האט געפיהלט, אז דאס מאל קלינגען אין זיין שטימע גאנץ אנדערע נאטען. זיא האט געהערט דיא שטימע פון וואהרהייט.

לאהלע איז געווען גערידהרט. זיא איז דאך געוועזן אפרויא, זיא האט דאך געהאט אוייבעס, עדעלעס הערץ זיא האט אויך אמאל געליעבט. זיא האט ניט פערגעסען דעם גוטען אונ עדלען פרינץ מוזא, וועלכען זיא האט געליבט מיט'ן גאנצען פייער פון איהר יונגער זעלע. זיא האט געפיהלט, וויא עס האט איהר וועה געטהאן, ווען זיא האט זיך געמוזט שיידען פון איהם אונ זיא האט פערשטאנען, וואס דאן זשואן דארף פיהלען, ווען זיא מוז איהם זאגען, אז זיא קען איהם ניט ליעבען.

— וואס שווייגסט דוא? האט דאן זשואן אויסגערופען פייעריג, פאר וואס רעדסט דוא ניט צוא מיר? פאר וואס ענטפערסט דוא מיר ניט? גלויבסט דוא ניט אין מיין ליעבע? האסט דוא קיין צוטרויען צוא מיר? דענקסט דוא, אז איך האב קיין מאכט דיך צוא רעטען? דיך צוא בעשיצען? — זאג נור איין ווארט! זאג נור דאס גוטע ווארט, אז דוא ווילסט זיין מיינע, אונ איך וועל אוועק ווארפען אלע קרוינען פון דער וועלט פון דיינעטוועגען! איך וועל אויסגיבען אלע אוצרות פון דער וועלט אום דיך גליקליך צוא מאכען! איך וועל בענוצען אלע מיטעל וועלכע געפינען זיך אין מיין מאכט, דיך צוא בעשיצען אונ דיך פערטהיידיגען. איך ווייס אז מיין פאטער איז זעהר שטרענג; איך ווייס אבער אויך, אז איך בין זיין איינציגער זוהן. ער קען ניט מיך פערשטויסען אונ ערקלערן זיין צווייטען זוהן אלס קראנפרינץ. — זאג נור, אז דוא ליעבסט מיך אונ איך וועל אנטלויפען מיט דיר אין לענדער, וואו קיין טארקוועמאדא אונ קעניג פערדינאנד וועלען אונז ניט קענען דערגרייכען. — רעד! שווייג ניט, זאג מיר עפעס!

— איך דאנק דיר, פרינץ, פאר דיין הייסע ליעבע! האט לאה'לע ענדליך געזאגט, איך גלויב דיר, איך גלויב, אז יעצט, אין דיעזע מינוט ליעבסט דוא מיך עהרליך, הייס, וואהר, פייעריג, טרייא אונ הייליג. פון דעסטוועגען קען איך ניט אנטלויפען מיט דיר אונ קען ניט אן געהמען דאס אפפער, וואס דוא ווילסט מיר ברייגען. איך ווייס,

וויא שרעקליך עס איז צוא בלייבען אין דיעזע מויערן אונ דענאך מוז איך דא בלייבען. איך זאג ניט, אז איך וויל ניט אנטלויפען פון דאנען, איך וויל עס זעהער, אבער ניט מיט דיר!

— איך פערשטעה דיך ניט! האט דער פרינץ אויסגערופען אויסער זיך, וואס קען דאס הייסען? דוא ווילסט אנטלויפען פון דאנען, אבער ניט מיט מיר? — דאן ליעבסט דוא אנאנדערן? — מיט יענעם וואלסט דוא יא אנטלאפען, נור מיט מיר ניט?

לאה'לע איז רויט געווארען, באלד אבער איז זיא ווידער בלייך געווארען אונ האט געענטפערט רוהיג אונ ערנסט.

— וואס זאל איך דיר לייקענען, פרינץ? איך האב אויך געפיהלט דיא מאכט פון דער ליעבע; איך האב אויך געליטען פון דער ליעבע. מיין ליעבע אבער איז טויט, זיא איז אפגעשטארבען אונ בעגראבען טיעף אין מיין הערצען. איך וויים, אז איך וועל קיין מאל ניט ווידער זעהן דעם מאן, וועלכען, איך האב געליעבט. אויף דער וועלט וועלען מיר זיך מעהר ניט בעגעגענען, איך האף אבער, אז דארט, אויבען, דארט, וואו דיא זון שיינט אונ דיא שטערן פונקעלן, — דארט וואו עס איז ניטא קיין אונטערשייד צווישען איין מענש אונ דעם אנדערן; דארט וואו אלע מענשען זיינען גלייך פארן העכסטען ריכטער, — דארט וועלען מיר זיך ווידער זעהן אונ וועלען זיך פעראייניגען אויף אייביג. — דוא קענסט יעצט פערשטעהן, פרינץ, וואס פאר אווערטה עס האט בייא מיר דיא וועלט מיט אירע פריידען, מיט אירע גליקען, מיט אירע שעהנהייטען אונ מיט אירע פערגניגונגען.

דער פרינץ איז געשטאנען, וויא פערשטיינערט, אונ האט ניט געקענט ארויסרעדען אווארט, נור פון צייט צוא צייט פלעגט אטיעפער זיפץ זיך ארויסרייסען פון זיין ברוסט.

— געה, עדעלער פרינץ! האט לאהלע געבעטען, געה צוריק צוא דיינע פפליכטען אלס פרינץ, אלס געבארענער הערשער. איך בין ניט ווערטה, אז דוא זאלסט ליידען דורך מיר; איך פערדיען ניט, אז אזא עדלער מענש זאל פיהלען שמערצען דורך מיר. ווען דוא וועסט זיך אבער אמאל דערמאנען אן דאס אונגליקליכע אידישעס מעדכען, פערגעס ניט איהר ארימעס, פעראכטעטעס אונ פערפאלגטעס פאלק. פערגעס ניט; אז דוא האסט אמאל געליבט אמעדכען פון דיעזעס פאלק. פערגעס ניט, אז דיא ליעבע וויים פון קיין אונטערשייד צווישען איין מענשען אונ דעם אנדערן, צווישען איין גלויבען אונ דעם אנדערן אונ צווישען איין פאלק אונ דעם אנדערן. אקעניג דארף הערשען דורך ליעבע צוא זיין פאלק. ער דארף ליעבען דיא מענשען וועלכע ער בעהערשט, דאן קען ער ניט מאכען קיין אונטערשייד צווישען זייא.

— רעד ניט אזויא, לאה'לע! האט דער פרינץ אויסגערופען, דוא שטעהסט העכער פון אלע מענשען! דוא ביסט בעסער אונ עדעלער פון דיין פאלק. — ווארט, לאה'לע! זאג מיר ניט אפ אזויא שנעל!

— איבערלעג זיך, בעטראכט זיך! — דוא זאגסט דאך אליין, אז יענעם קענסט דוא שוין מעהר ניט זעהן אויף דיעזער וועלט. — היים מיר ניט אוועקגעהן אזויא פון דיר! היים מיר קומען מארגען, איבער־מארגען, ווען דוא וועסט הייסען.

— ניין, פרינץ! איך ראטה דיר ניט צוקומען צו מיר נאך אמאל. צו וואס זאלסט דוא עס טאהן? דיר איז עס שווער, מיר איז עס ניט לייכט. מיר ליידען ביידע. אונזער צוזאמען קומען רייסט אויף דיא וואונדען פון אונזערע הערצער אונ אונזער פרישעס, ווארעמעס בלוט רינט אפ אומזיסט. — געה דיר, פרינץ, דיין וועג אונ לאז מיך ווארטען אויף מיין לעצטען טרייסט — דעם טויט!

דאן זשואן האט איהר דערלאנגט זיין האנד, לאה'לע האט זיא אבער ניט גענומען.

— געה, פרינץ! האט זיא געבעטען, דאס איינציגע, וואס דוא קענסט טאהן פאר מיר, איז דוא זאלסט בעטען דיא אבטעסין, זיא זאל מיך ניט שיקען אין קעלער, דארט איז עס שוין צוטרויעריג אונ צוקאלט.

דאן זשואן האט זיך ניט געקענט איינהאלטען. ער איז צוגע־שפרונגען צו איהר, האט זיא ארומגענומען, האט איהר אקוש געטאהן אויפ'ן שטערן אונ האט אויסגערופען:

— ניין, לאה'לע! איך וועל ניט דערלאזען, אז דוא זאלסט פער־פוילט ווערן אין דיעזע מויערן. — דוא וועסט דאך זיין מיינע! — איך האב צייט! איך וועל ווארטען, ביז דוא וועסט פערגעסען יענעם, ביז דוא וועסט זיך איבערצייגען, אז איך ליעב דיך אונ אז איך פערדיען פון דיר געליעבט צו ווערן.

מיט דיעזע ווערטער איז ער ארויסגעגאנגען פון צימעריל. לאה'לע איז געבליעבען שטעהן, וויא אפערשטיינערטע אונ האט איינציגע מינוט ניט געקענט ארויס רעדען אווארט. ענדליך איז זיא אניעדער געפאלען אויף איהר בעט אונ האט אנגעהויבען ביטער צו וויינען.

אין אפאר שטונדען ארום איז דער גראס אינקוויזיטאר אריינגע־קומען אין איהר קעמעריל. לאה'לע האט אפגעווישט דיא טרעהרין פון איהרע אויגען אונ האט זיך געזעצט אויף איהר בעטעל. זיא האט גע־וואוסט, וואס דיעזער מענש פערלאנגט פון איהר אונ זיא האט זיך ענטשלאסען, זיא זאל איהם מעהר ניט ענטפערן.

וויא ערשטוינט איז זיא געוועזען, ווען זיא האט דערזעהן, אז דער גראס אינקוויזיטאר איז גאר העפליך אונ פריינדליך געגען איהר.

— נון, וואס מאכסט דוא, מיין קינד? האט ער געפרעגט.

— איך בין געזונד, האט לאה'לע געענטפערט קורץ.

— איז געוועזען בייא דיר דער נייער גייסטליכער?

— ער איז דא געוועזען.

— וואס האט ער דיר געזאגט?

— ער האט מיר געזאגט אזויא פיעל זאכען, אז איך קען זייא ניט אלע געדענקען, האט לאה'לע געענטפערט.

— ווילסט דוא, ער זאל קומען נאך אמאל?

— ניין, הייליגער מאן!

— פאר וואס ניין? איז ער דען אשלעכטער מענש?

— דאס האב איך ניט געזאגט.

— אלזא, פאר וואס ווילסט דוא ניט, אז ער זאל קומען נאך אמאל?

— וויל ער האט מיר געזאגט זאכען, וועלכע איך קען ניט הערען.

— איך ווייס, דוא ווילסט קיין מאל ניט הערען פון זאכען, וועלכע זיינען נוצליך פאר דיר אויף דער וועלט אונ אויף יענער וועלט, האט דער גראס אינקוויזיטאר געזאגט מיט אפערביסענעם פארוואורף.

צום גליק פאר לאה'לע האט דער גראס אינקוויזיטאר יעצט גע־האט ניט פיעל צייט צו פערברענגען אין מאנאסטיר. ער פלעגט קומען זעלטען אונ אויף אקורצע צייט, אויף אטאג אדער צווייא.

זייט דער פרינץ איז געוועזען אין מאנאסטיר, האט דיא אבטעסין אנגעהויבען צו בעהאנדלען לאה'לען פיעל בעסער אונ פיעל פריינדליכער. עס איז שווער צו זאגען, אויב דיא אבטעסין האט געוואוסט, אז דער קראנפרינץ פון שפאניען האט בעזוכט איהר מאנאסטיר אין דיא קליידער פון אמענך, אדער קעניגין איזאבעללא האט איהר געשריעבען אין בריעף, וועלכען דער קראנפרינץ האט געבראכט, אז זיא זאל ניט זיין זעהר שטרענג געגען דאס אידישע מעדכען.

אלענפאלס פלעגט לאה'לע מוזען געהן יעדען טאג אין קירכע אונ פערבלייבען דארט דיא גאנצע צייט, וואס דאס געבעט האט געדויערט.

7

הונגער אין גראנאדא.

דאס רעדעל האט זיך איבערגעדרעהט. זייט דער גרויסער שלאכט פאר דיא מויערן פון גראנאדא האבען דיא שפאניער געזיעגט איבעראל. זייא האבען אפגענומען אלע שטעדט אונ פעסטונגען ארום גראנאדא אונ האבען ענדליך ארומגערינגעלט דיא שטאדט גראנאדא פון אלע זייטען אונ האבען ניט צוגעלאזען צו איהר קיין לעבענס מיטעל פון דער געגענד ארום.

צו ביסלעכוויים האט מען אנגעהויבען צו פיהלען מאנגעל אין גראנאדא. עס האבען אנגעהויבען זיך אויסצולאזען פיעלע נעטהיגע ארטיקעל. ברויט איז געווארען טהייערער אונ טהייערער.

אזויא וויא דיא גרעסטע תבואה הענדלער אין שטאדט זיינען געווען אידען, האט מען אנגעהויבען צו זאגען, אז דיא אידען האבען אויסגעקויפט דאס גאנצע ברויט פון דער שטאדט אום עס צו פער-קויפען טהייערער אונ רייך צו ווערן פון דער נויט אונ דעם עלענד פון דיא מחמדאנער.

דיא אידען האבען זעהר גוט געוואוסט, וואס מען רעדט פון זייא אין שטאדט אונ האבען מורא געהאט, עס זאלען זיך ניט ווידער-האלען דיא אידען פערפאלגונג אונ דיא מערדערייען, וועלכע זיינען פארגעקומען, ווען קעניג באאבדיל איז ניט געווען אין שטאדט.

עס איז אדונקעלע נאכט. דיא איינוואונער פון דער שטאדט שלאפען שוין, אדער זיצען אויף דיא פלאכע דעכער פון זייערע הייזער אונ קוקען אויפ'ן הימעל, וויא דיא מחמדאנער טוהען עס געוועהנליך, ווען זייער לאנד געפינט זיך אין אנויט.

אלעס איז שטיל אונ רוהיג, נור אין אידישען קווארטאל רוהט מען ניט. דארט קען מען ניט רוהען, דארט קען מען ניט שלאפען, דארט איז מען שטענדיג איבערגעשראקען, פערזארגט אונ פערטרויערט. דאס איז שוין דאס שיקזאל פון דיעזעס פאלק, זייט עס איז צו זעעט אונ צו שפרייט אויף דער גאנצער וועלט.

אין אגרויסען הויף זיצען עטליכע מענשען אויף לאנגע, ניעדריגע הילצערנע בענק אונ רעדען שטילערהייט צווישען זיך.

— דיא מחמדאנער זיינען אונרוהיג, האט געזאגט איינער, מען קען ערווארטען יעדען טאג אז זייא זאלען אנפאלען אויף דיא אידישע גאסען, וויא זייא האבען עס געטאהן ערשט ניט לאנג. דאמאלס

האבען מיר זיך ניט געריכט דארויף. דער אנפאל איז געווען אזויא פלוצלונג, אזויא אונגערווארטעט, אז מיר האבען ניט געקענט זיך פערטהיידיגען, יעצט אבער ווייסען מיר עס און מיר קענען ערווארטען, אז עס וועט עפעס פארקומען, מוזען מיר זעהן זיך צו בעווארענען.

— דערפאר האב איך בערופען אויף היינט ביי נאכט אפערזאמלונג פון דיא פארשטעהער פון אונזער קהלה. לאמיר זיך בעראטהען, וואס מיר זאלען טאהן, האט דער אנדערער געענטפערט.

— מיין מיינונג איז, אז אידען זאלען אויפהערן צו האנדלען מיט תבואות, האט געזאגט אדריטער. דיא מחמדאנער בעשולדיגען אונז, אז מיר האבען אויפגעקויפט אלע תבואות פון לאנד, ווייל מיר האבען געוואוסט, אז עס וועט ווערן אהונגער און מיר וועלען רייך ווערן פון זייער נויט. עס איז אויך וואהר, אז אידישע ברויט הענדלער האבען זיך אנגעגרייט מיט קארן, ווייץ און אנדערע תבואות, דאס איז אייגענטליך קיין אונרעכט. דאס איז דאס געזעץ פון מסחר און האנדעל. יעדער קויפמאן זוכט צו קויפען זיינע סחורות ביליג און זייא צו פערקויפען טהייער. דיא מחמדאנער טוהען דאס זעלבע. אויף אונז אבער פאלט דיא בעשולדיגונג, אז מיר ווילען רייך ווערן פון זייער נויט. ווען אמחמדאנער טהוט עס, הייסט ער אקויפמאן; ווען א איד טהוט עס, הייסט ער אבלוטזויגער און ארויבער. לאמיר זיך אפזאגען פון ברויט האנדעל, וועלען זייא ניט האבען, וואס צו רעדען. לאמיר ביי זייא אוועקנעהמען דעם פארוואנד, דעם תירוץ, אונז צו בעשולדיגען און אנצופאלען אויף אונז.

— דיינע מיינונג איז ריכטיג, אבער ניט אין גאנצען, האט בעמערקט אפיערטער, דיא וועלט איז שוין אזויא איינגעארדענט און דיא מענשען זיינען שוין אזויא געמאכט, אז מען מעג זיין גוט, וויא אברהם אבינו! בעשיידען (אן ענו) וויא משה רבינו, פריינדליך, וויא אהרן הכהן און קלוג וויא שלמה המלך, וועלען זיך שטענדיג געפינען מענשען, וועלכע וועלען אויסזוכען פון אונטער דער ערד פעהלער, זינד און פערברעכען אויף דעם גוטען, שטילען און פרומען. ווען מען קען ניט געפינען קיינע וואהרע, ריכטיגע פעהלער, טראכט מען אויס אזעלכע. מען פערליימדעט, מען זאגט רכילות אויף יענעם. ווען דיא אידען פון גראנאדא זאלען שוין וועלען זיך אפזאגען פון ברויט האנדעל, קענען זייא עס יעצט ניט טאהן.

— דאס פערשטעה איך שוין ניט.

— עס איז זעהר לייכט צו פערשטעהן. וואס זאלען זייא דען טאהן מיט דיא תבואות, וועלכע זייא האבען? — זאלען זייא פערשליעסען זייערע שפייכער און זאגען, אז זייא האבען שוין מעהר ניט,

וואס צו פערקויפען, וועט זיין נאך ערגער, דיא מחמדאנער וועלען זאגען, אז דיא אידען האבען בעהאלטען דאס ברויט, ווייל זייא ווילען עס פערקויפען נאך טהייערער. זאלען מיר עס פערקויפען צו מחמדאנישע קויפלייטע, וועלען דיעזע קויפלייטע עס דער נאך פערקויפען זעהר טהייער אונ וועלען זאגען, אז דיא אידען האבען זייא אפגע-שונדען. דיא אידען האבען זייא פערקויפט אזויא טהייער, אז זייא קענען עס ניט פערקויפען ביליגער. וויא מיר וועלען טאהן, וועט אלץ זיין שלעכט. מען וועט שטענדיג זאגען, אז דיא אידען בערויבען דאס ארימע מחמדאנישע פאלק.

— דאן זאלען מיר עפענען אונזערע שפייכלער. צונויפרופען אלע מחמדאנער אונ זייא הייסען נעהמען, וויא פיעל זייא ווילען! האט איינער אויסגערופען. דאן וועלען שוין אלע אונזערע פיינד מוזען שווייגען. זייא וועלען ענדליך מוזען אנערקענען, אז דיא אידען זיינען דיא בעסטע בירגער פון גראנאדא.

— גלויבסט דוא עס ווירקליך? מיינסט דוא ווירקליך, אז דאס וועט העלפען? האט דער ערשטער געזאגט מיט פערצווייפלונג אין זיין שטימע. עס וועט נאך ערגער זיין. ערשטענס, וועט ווערען אשרעקליכעס געדרענגע ארום דיא שפייכער; מען וועט זיך רייסען, מען וועט זיך שלאגען, אונ מען וועט זיך טייטען איינער דעם אנדערן אונ דיא אידען וועלען דאן בלייבען דיא שולדיגע. דורך זייא איז פערגאסען געווארען דאס „היילגע" מחמדאנישע בלוט. צווייטענס, וועט דער הונגער אין שטאדט ווערען פיעל ערגער אונ שרעקליכער. יעצט ווען דאס ברויט קאסט זעהר טהייער, בעגנוגט זיך יעדער, מיט וואס ער קען בעקומען. ווען מען וועט זייא אבער שענקען דאס ברויט, וועלען זייא אויפעסען אין איינגע טעג אונ ווען זייא וועלען אנהייבען צו ליידען הונגער, וועלען זייא ווידער קומען אונ שרייען: „גיט אונז ברויט, אדער מיר טייטען אייך".

איינגע מינוטען האבען אלע געשוויגען. יעדער האט געפיהלט, אז דיא לאגע פון דיא אידען אין גראנאדא איז אטרויעריגע, אפער-צווייפעלטע. וואוהין מען קעהרט זיך, איז ניט גוט; וואוהין מען ווארפט זיך, איז שלעכט. דיא מחמדאנער זיינען שוין געוואונט ארויפצווארפען אלעס אויף דיא אידען.

פלוצלונג האט זיך איינער אפגערופען:

— ווען רבי מיימון זאל דא זיין, וואלט ער געפונען ארעטה.

— דערמאן ניט דיעזען נאמען! האט דער צווייטער איהם גע-ענטפערט, רעד ניט פון איהם! ווייסט דוא דען ניט, אז ער האט זיך אפגעזאגט פון אונז? מעגליך, אז ער איז גאר קיין איד שוין ניט.

מיר ווייסען פאר געוויס, אז ער האט געלאזען טויפען זיין טאכטער.

— וואס רעדט איהר? וויא איז דאס מעגליך? רבי מיימון האט געלאזען זיין טאכטער אננעהמען דעם קריסטליכען גלויבען? — וועה! דאס קען איך ניט גלויבען!

— אונ דענאך איז עס וואהר.

— פון וואנען ווייסט איהר עס?

— א געפאנגענער שפאניער האט עס אונז דערצעהלט, האט געענטפערט דער געפרעגטער. רבי מיימון האט אליין געבראכט זיין טאכטער צו קעניג פערדינאנד, אונ קעניגין איזאבעללא האט זיא אוועקגעשיקט אין אקלויסטער.

— דאס האט געטאהן דער פרומער רבי מיימון? דאס וואלט איך קיין מאל ניט געגלויבט!

— ברידער! האט פלוצלונג אויסגערופען אן עלטערער מענש, — ברידער! מיר זיינען זיך צוזאמענגעקומען אהער אום זיך צו בעראטהען, וואס מיר זאלען טאהן מיט דיא תבואות, וואס מיר האבען אנגעקויפט, רעדט ניט פון עפעס אנדערש! זאל יעדער זאגען זיין מיינונג. וואס מיר זאלען טאהן.

— דאס איינציגע מיטעל, וואס איך געפין, האט זיך אפגערופען איינער, איז מיר זאלען געהן צו פרינץ מוזא אונ איהם איבערגעבען דיא שליסעל פון אונזערע שפייכער, פרינץ מוזא איז אגוטער מענש אונ אן עהרליכער מענש. ער וועט שוין וויסען וואס צו טאהן אונ וויא אזויא אונז צו בעשיצען געגען דיא ווילדע, אויפגערעגטע מחמדאנער.

דיעזער ראטה איז אלעמען געפעלען אונ פון אלעמען איז אנגענומען געווארען.

דעם אנדערן טאג אין דער פריה איז מען געגאנגען צו פרינץ מוזא, ער האט אבער ניט געוואלט אויפנעהמען דיא אידישע דעפוטאציאן.

זייט דיא שפאניער האבען געוואונען דיא גרויסע שלאכט פאר דיא טויערן פון גראנאדא, האט זיך פרינץ מוזא אין גאנצען פערענדערט. ער האט זיך פערשפארט אין זיין שלאס, איז אין ערגעץ ניט געגאנגען אונ האט קיינעם ניט געוואלט אויפנעהמען. ער איז מעהר ניט געפאהרען רעווידירען דיא ארמעע אונ האט זאגאר ניט געוואלט געהן צו קעניג באאבדיל.

פרינץ מוזא האט בעסער פערשטאנען דיא לאגע פון דיא מחמדאנער אין שפאניען, וויא יעדער אנדערער. ער האט געוואוסט, אז אלע מחמדאנער וועלען מוזען ארויספאהרען פון שפאניען. קעניג

פערדינאנד וועט זייא ארויסטרייבען, וויא ער וועט ארויסטרייבען דיא אידען.

דיא מחמדאנער זיינען פאטאליסטען. זייא זיינען פעסט איבערצייגט, אז איבער דעם מענש הערשט דאס פאטום, דאס שיקזאל. ווען עס איז איינעם ניט בעשערט צו שטארבען, קען ער זיך געפינען אין דער גרעסטער געפאהר און עס וועט איהם ניט שאדען; איז עס אבער איינעם עפעס בעשערט, קען ער זיך פון זיין פאטום, פון זיין שיקזאל, ניט אויסדרעהן.

פרינץ מוזא האט געטאהן אלעס, וואס ער האט געקענט אום צו רעטען זיין פאטערלאנד; ווען ער האט אבער דערזעהן אז קיין זאך העלפט ניט, האט ער אראפגעלאזען דעם קאפ און האט פערלארען דעם מוטה.

— עס איז אויס מיט דער הערשאפט פון דיא מחמדאנער אין שפאניען! האט ער אויסגערופען, מיר פערגיסען אומזיסט דאס בלוט פון אונזערע עדעלע קריעגער! עס איז שוין אזויא בעשערט קיין זאך אין דער וועלט קען אונז שוין ניט העלפען.

דאס איז געווען דיא אורזאכע, פאר וואס פרינץ מוזא האט ניט געוואלט אויפנעהמען דיא אידישע דעפוטאציאן. ער האט געוואוסט, אז זייא זיינען געוויס געקומען איהם עפעס בעטען און ער קען זייא ניט העלפען.

דיא קאפּ אראפגעלאזען, בעשעהמט און טרויעריג זיינען דיא אידען צוריקגעגאנגען אין זייער קווארטאל. יעצט האבען זייא פערלארען זייער לעצטע האפנונג. דעם צווייטען טאג אין דער פריה זיינען דיא מחמדאנער ווירקליך אנגעפאלען אויף דיא אידישע הייזער און האבען געראובט און צוגענומען אלעס, וואס זייא האבען געקענט געפינען.

דיא אידען האבען זיך בעהאלטען אין דיא קעלער און בייא בעקאנטע מחמדאנער. ניט קעניג באאבדיל און ניט דער גראס וועזיר יוסוף האבען זיך אריינגעמישט אין דיעזער אידען פערפאלגונג. מען האט געלאזען דיא איינוואונער פון שטאדט טאהן, וואס זייא האבען געוואלט.

ענדע דעם ערשטען טהייל.

דער
לעצטער יודישער קרבן
אדער
דער קדוש השם פון לאהלן אין מאנאסטיר.

א היסטארישער ראמאן פון דעם יודישען לעבען אין אישפאניען. אין 2 טהייל.

(פארזעטצונג פון לאה-לען)

בעארבייטעט נאך דיא בעסטע קוועלען פון יענער צייט

פון **א. טאנענבוים.**

צווייטער טהייל

פערלאג און אייגענטהום פון מ. קאצענעלענבויגען בוכהענדלער ווילנא.

ווילנא

שנת תרנ"ח לפ"ק

ПОСЛѢДНЯЯ ЕВРЕЙСКАЯ ЖЕРТВА.
Историческій романъ въ двухъ частяхъ А. Таненбаума.
Часть II.

Изд. М. Каценеленбогена.

ВИЛЬНА. Тип. Вдовы и бр. Роммъ. Жмуд. пер. собств. домъ № 328.
1898.

Дозволено цензурою 4 Декабря 1897 г. Вильна.

דער

לעצטער יודישער קרבן

אדער

דער קדוש השם פון לאהלן אין מאנאסטיר.

אהיסטארישער ראמאן.

פריא בעארבייטעט נאך זיכערע קוועלען.

פון **א. טאנענבוים.**

1.

דער לעצטער פונק.

אין אשעהנעם פריהמארגען איז געקומען צוא לויפען אקוריער צוא פרינץ מוזא אונ האט איהם געזאגט:

— דער קעניג בעט דיך, פרינץ, דוא זאלסט באלד קומען צוא איהם;

— איז שוין פארגעקומען עפעס נייעס?

— איך וויים ניט, דער קעניג האט געשיקט דיך רופען.

פרינץ מוזא האט זעהר גוט געוואוסט, אז קעניג באאבדיל דארף איהם יעצט ניט. וואס קען ער יעצט העלפען, ווען דיא שפאניער האבען ארומגערינגעלט גראנאדא פון אלע זייטען אונ לאזען יעדען אריינגעהן אין שטאדט, זייא לאזען אבער קיינעם ניט ארויסגעהן פון שטאדט. דאס האט געזאגט גאנץ דייטליך, אז דיא שפאניער ווילען אויסהונגערן דיא שטאדט, לאזען ניט צוא קיין פראוויאנט. נור מענשען לאזען זייא אריין. דיא שפאניער וויסען, אז וואס מעהר מענשען עס

געפינען

געפינען זיך אין א שטאדט אלס מעהר פראוויאנט, דארף מען פאר זייא האבען.

מוזא האט דאהער ניט געקענט פערשטעהן, וואס קעניג באאבדיל קען איהם דארפען. פון דעסטוועגען האט ער זיך באלד אנגעטאהן אונ איז אוועקגעריטען צום קעניגליכען פאלאץ.

אין אלהאמברא, דעם קעניגליכען פאלאץ אין גראנאדא, האט זיך געפונען א בעזונדער טהורם מיט'ן נאמען קאמארעס. אין דיעזען טהורם איז געוועזען א גרויסער אונ זעהר רייך פערציערטער זאאל, וועלכער האט געהייסען דער זאאל פון דיא געזאנדטע, ווייל דיא קעניגע פון גראנאדא פלעגען אין דיעזען זאאל אויפנעהמען דיא גע-זאנדטע פון פרעמדע לענדער.

אין דער מיט פון דעם זאל איז געשטאנען אהויכער טראהן, בעדעקט מיט גאלד אונ זילבער אונ בעזעצט מיט אלערלייא טהייערע שטיינער. פון ביידע זייטען פון'ם טראהן זיינען געשטאנען ניעדעריגע גאלדענע שטוהלען פאר דיא מיניסטארען אונ פארן גראס וועזיר, דיא וואנט פון דעם זאל זיינען געוועזען בעהאנגען מיט פאהנען אונ מיט פלאגען, וועלכע דיא קעניגע פון גראנאדא האבען אפגענומען אין קריעג פון אנדערע פעלקער.

ווען מוזא איז אריינגעקומען אין זאל, איז שוין דער זאל געוועזען פול מיט מענשען: האף לייט, מיניסטארען, העכערע אפיציערן, דעם קעניגס לייב וואך, דיא שווארצע נעגער, וועלכע האבען בעדיענט נור דעם קעניג, אונ פיעל פרעמדע מענשען, וועלכע מוזא האט ניט געקענט.

קעניג באאבדיל איז ניט געוועזען אין זאל. מען האט אויף איהם געווארט. ער איז אבער באלד אנגעקומען. ער איז געוועזען אנגעטאהן אין זיינע רייכסטע אונ טהייערסטע קליידער אונ איז געגאנגען אנגע-שפארט אויף דעם גראס וועזיר אסוף.

ווען אפרעמדער וואלט אריינגעקומען אין זאל, וואלט ער געזאגט, אז דער קעניג פון גראנאדא איז דער גרעסטער הערשער פון דער וועלט, אזוי שטאלץ האט אויסגעזעהען באאבדיל אונ אזוי רייך אונ גלענצענד איז געוועזען פערציערט דער זאל.

קוים האט קעניג באאבדיל דערזעהן פרינץ מוזא, האט ער איהם אווינק געטאהן, ער זאל צוא קומען צוא איהם.

— וואס איז נייעס, בעהערשער פון דיא מאסלעמים? האט מוזא געפרעגט.

— האסט דוא געזעהן, וויא אליכט געהט אוים? האט באאבדיל געפרעגט.

— צוא וואס פרעגסט דוא עס מיך?

— ווען אליכט דארף אויסגעהן, גיט זיא אפלאם אויף, בעלייכטעט דאס גאנצע צימער, דאן ווערט זיא פערלאשען.

— דאס ווייס איך, וויא פאסט עס אבער אהער?

— עס איז דאס לעצטע אויפפלאמען פון דער הערשאפט פון דיא מחמדאנער אין שפאניען, האט באאבדיל געענטפערט טרויעריג, איך ווייס ניט, אויב אין דיעזען זאל וועלען זיך נאך אמאל פערזאמלען אזוי פיעל עדעלע מהמדאנער.

האסט דוא שוין פערלארען יעדע האפנונג? האט פרינץ מוזא געפרעגט.

זען זיך לעבען מיר אויפ'ן טראהן אונ דוא וועסט הערן דיא וויכטיגסטע נייעס איבער אונזער לאגע אונ איבער אונזערע האפנונגען.

קעניג באאבדיל האט זיך געזעצט אויף זיין טראהן, פרינץ מוזא האט זיך געזעצט אויף א פערגאלדעטען שטוהל לעבען איהם.

אין זאל איז געווארען שטיל, אז מען האט געקענט הערען אפליעג דורכפליעהען.

קעניג באאבדיל האט אווינק געטאהן צוא איינעם פון דיא מענשען, וועלכע זיינען געשטאנען ארום טראהן.

— קום אהער, האמעד בן ריזא! האט ער געזאגט, דוא ביסט געוועזן אין לאגער פון דיא שפאניער, דערצעהל אונז, וואס דוא האסט געזעהן.

— בעהערשער פון אלע גלויביגע! — ליכט פון אונזערע אויגען! האט דער מאן געענטפערט, אמאל איז עס געוועזן אלאגער, יעצט איז עס אשטאדט. דיא שפאניער בויען זיך הייזער פון האלץ אונ שטיין, זייא שניידען אויס גאסען אונ מאכען מארקען. דער לאגער פון דיא שפאניער איז יעצט אגרויסע שטאדט מיט הייזער, מיט פאלאצען, מיט קירכען, מיט גאסען, מיט מערק אונ זייא בויען שוין א מויער ארום. דער דשאור, וועלכען זייא רופען קעניג פערדינאנד, האט געשווארען, אז ער וועט ניט אפטרעטען פון דיעזער שטאדט, ביז פון גראנאדא וועט ניט בלייבען איין שטיין אויפ'ן אנדערן.

— דאס איז נאך וועניג, האט קעניג באאבדיל געברומט פאר זיך, דיא דשאורס שווערן זיך לייכט. זייער ווארט האט קיין ווערט אונ זייער שבועה האט קיין מאכט.

— עס איז ניט קיין לאגער, עס איז אגרויסער מארק, א באזאר, וואוהין אלע שטעדט אונ דערפער ארום שיקען זייערע סחורות אונ זייערע פראדוקטען. דיא שפאניער האבען אלעס וואס זייא דארפען אונ וואס זייער הערץ געלוסט.

— איך האב שוין גענוג געהערט, האט קעניג באאבדיל געזאגט. געה אויף דיין פלאץ.

ער האט דאן אווינק געטאהן צוא אנאנדערן, ער זאל צוא קומען צום טראהן.

דאס איז געוועזן אן אלטער מאן אין ווייסע קליידער, אצייכען, אז ער איז א דערוויש, אהייליגער. דער דערוויש איז געוועזן ערנסט, טרויעריג אונ פערטראכט.

— קום אהער, מחמוד מורזא בן ראמא! האט קעניג באאבדיל געזאגט, קום צוא אונז אונ זאג אונז. אויב דוא האסט אויפגעעפענט אלע הייליגע ביכער אונ האסט געזוכט אין זייא? זאג אונז, וואס האסט דוא געפונען?

לאנגזאם איז דער אלטער מאן צוא געקומען צום טראהן פון קעניג באאבדיל אונ האט זיך אנידערגעשטעלט פאר איהם.

— הייליגער עניקעל פון אונזער נביא! ליכט אונ פרייד פון דער גאנצער וועלט! האט דער אלטער מאן געזאגט ערנסט, מיר האבען אויסגעזוכט אלע הייליגע ביכער אונ האבען אויסגעפארשט דאס שיקזאל פון גראנאדא. מיר האבען געבעטען אצייכען פון אונזער נביא מחמד אונ ער האט אונז געענטפערט.

דער אלטער מאן איז געבליעבען שטיל אונ האט מיט זיינע גרויסע, קלוגע אויגען געקוקט אויף קעניג באאבדיל, גלייך וויא ער וואלט איהם געפרעגט: זאל איך אלעס זאגען?

קעניג באאבדיל האט איהם פערשטאנען אונ האט געזאגט:

— זאג ארויס אלעס, וואס דוא ווייסט!

— מיר האבען געפונען, אז דאס שיקזאל האט בעשלאסען, אז דיא הערשאפט פון דער האלבער לבנה זאל אויפהערען אין שפאניען, האט דער אלטער מאן געזאגט טרויעריג. — גאט איז גרויס אונ זיין נביא מחמד איז אויך גרויס, אבער עס איז אנגעשריעבען אין דיא הייליגע ביכער, אז גראנאדא מוז פאלען.

— איך האב געהערט, וואס דוא האסט מיר געזאגט, מחמוד מורזא בן ראמא, האט קעניג באאבדיל געענטפערט רוהיג, איך וועל דיר שפעטער גיבען אן אנטווארט.

דער אלטער דערוויש איז אוועקגעגאנגען, קעניג באאבדיל האט זיך אומגעקוקט אין אלע זייטען אונ האט צוגערופען אנאנדערן:

— קום דוא אהער עבד מלך (אבדמעלעך).

אהויכער, שעהנער אפיציער איז ארויסגעקומען פון דער מענגע אונ האט זיך געשטעלט פאר קעניג באאבדיל'ס טראהן.

— וואס האסט דוא אונז עפעס צוא זאגען? האט באאבדיל געפרעגט.

— אך, קעניג! האט אויסגערופען אבד מעלעק אונ טרעהרין האבען זיך געגאסען פון זיינע אויגען. — אך, קעניג! זוהן פון בעריהמטע עלטערן! נאכקאמע פון העלדען! איך וואלט בעסער געוואלט אניעדער־פאלען טויט פאר דער טהיר פון דיין פאלאץ, איידער צוא זאגען די ווערטער, וועלכע איך מוז יעצט זאגען. מיינע ליפען ציטערן, מיין הערץ בלוטעט, ווען איך זאג דיעזע ווערטער, איך מוז זייא אבער זאגען: אונזער לאגע איז פערצווייפעלט. אונזערע שפייכער זיינען לעדיג, וויא דאס זאמד אין דער וויסטע. עס האט זיך אויסגעלאזען פלייש אין שטאדט אונ פיעלע עדעלע מענער האבען געמוזט אויפעסען זייערע קריעגס פערד. דאס פאלק אין דיא גאסען שרייט, אז עס וויל טראגען דעם יאך פון דיא שפאניער, ווען מען וועט איהם געבען ברויט. — איך האב געהערט!

אלע האבען גלאזען דיא קעפ, ווען אבדמעלעק האט געענדיגט זיין רעדע. מען האט איהם זעהר גוט געקענט. ער איז געוועזען דער קאמאנדאנט פון דער פעסטונג אונ האט שטענדיג אויפגעפאדערט זיינע מענשען צוא האלטען זיך פעסט אונ ניט אונטער צוא געבען זיך צוא דיא שפאניער.

אבדמעלעק איז געוועזען אן ערנסטער מענש אונ אבעריהמטער אפיציער. ער האט זעהר גוט געקענט דיא שטאדט גראנאדא.

איינינע מינוטען האבען אלע געשוויעגען. פלוצלונג האט דער קעניג אויסגערופען: פיהרט אריין דעם געזאנדטען פון עגיפטען!

א שווערער, זיידענער פארהאנג האט זיך אויפגעהויבען אונ צוויא שווארצע עגיפטיער אין רייכע קליידער, בעהאנגען מיט גאלד אונ בעזעצט מיט ברילליאנטען, זיינען אריינגעקומען אין זאל.

דאס זיינען געוועזען דיא געזאנדטע פון דעם סולטאן פון עגיפטען. הינטער זייא זיינען געקומען זעקס נעגער, וועלכע האבען געטראגען דיא פרעזענטען, וועלכע דער סולטאן פון עגיפטען האט געשיקט דעם קעניג באאבדיל.

אויף טהייערע סאמעטענע קישעלעך זיינען געליעגען שווערדען מיט גאלדענע הענטלעך, בעזעצט מיט ברילליאנטען, רייך געשירר, בע־שלאגען מיט זילבער אונ גאלד. א פאר גאלדענע שפארען אונ נאך פיעלע טהייערע זאכען, אויסער דעם זיינען פון הינטען געגאנגען פיער פערשלייערטע מעדכען, שקלאפינען, וועלכער דער סולטאן פון עגיפטען האט געשענקט זיין פריינד אונ פערזאנדעטען קעניג באאבדיל.

דער עלטערער פון די גוואנדעטע איז צוא געקומען צום טראהן, האט צוא געלעגט די האנד צום שטערן אונ צום הארצען אונ האט געזאגט:

— ליכטיגע זון פון גראנאדא! שיינענדער שטערן פון אלע גלויביגע! מיין הערשער, דער גרויסער, שטארקער אונ מעכטיגער סולטאן פון עגיפטען, די פרייד פון דער גאנצער וועלט, דער רויזענבוים פון דעם טייך נילוס, האט מיך געשענקט צוא קעניג באאבדיל עלחאקים מיט אן אנטווארט אויף זיינע ביטע.

קעניג באאבדיל בעט, דער סולטאן פון עגיפטען זאל איהם שיקען הילף, מיין הערשער בעדויערט זעהר, וואס ער קען קיין הילף שיקען. פון עגיפטען קיין שפאניען מוז מען פאהרען אויפ'ן מעער. מען מוז האבען אגוטען פארט, וואו די שיפען זאלען קענען צוקומען; אלע גוטע אונ זיכערע פארטען פון שפאניען געפינען זיך שוין אבער אין די הענד פון די שפאניער. מיין גרויסער אונ שטארקער הערשער ראטה אלזא זיין פריינד אונ פערוואנדעטען, דעם קעניג באאבדיל, אז ער זאל זיך פערלאזען אויף גאט, וועלכער וועט פיהרען פאר איהם מלחמה אונ וועט איינגעהמען זיינע פיינד. גאט פערלאזט ניט זיינע געטרייע גלויביגער!

אלס צייכען פון פריינדשאפט, ליעבע אונ אכטונג צוא דיר, אה, קעניג באאבדיל! שיקט ער דיר דיעזע פרעזענטען, וועלכע איך לעג אניעדער פאר די פיס פון דיין טראהן.

מיט דיעזע ווערטער האט ער אווינק געטאהן צוא זיינע דיענער, זייא זאלען אניעדערלעגען די טהייערע פרעזענטען פארן טראהן פון קעניג באאבדיל.

אזאנדערבארער שמייכעל האט זיך געוויעזען אויף באאבדיל'ס בלייכע ליפען.

— די פרעזענטען פאסען אקוראט צוא אונזער לאגע, האט דער קעניג געזאגט, — איך דאנק דעם סולטאן פון עגיפטען פאר זיינע פרעזענטען!

ער האט אראפגענומען אגאלדענע קייט פון זיין האלז אונ האט זיא געשענקט דעם עלטסטען פון די געזאנדעטע פון עגיפטען, דאן האט ער די איבעריגע געגעבען טהייערע געשענקע אונ האט געהייסען זייא ארויספיהרען פון זאל.

— פיהרט אריין די געזאנדעטע פון אלזשיר! האט דער קעניג אויסגערופען.

עס האט זיך אויפגעהויבען אנאנדער ווידענער פארהאנג אונ דרייא הויכע, קרעפטיגע מענער מיט עכטע וויבער געזיכטער זיינען

אריינגעקומען אין זאל. הינטער זייא זיינען אויך געקומען עטליכע נענער מיט אלערלייא פרעזענטען.

מיר מוזען דא בעמערקען, אז דיא איינוואוינער פון אלושיר זיינען דאמאלס געוועזען פיראטען, מעער רויבער. דער ביא, דער הערשער פון אלושיר, פלעגט ארויס שיקען שיפען אויף אלע מעערע, זייא זאלען פאנגען און בערויבען יעדעס שיף, וועלכעס זייא וועלען בעגעגענען פלעגט מען אנטרעפען פאסאזשירען אויף א שיף, פלעגט מען זייא אויספרעגען, ווער זייא זיינען און ווען מען האט געפונען, אז זייא זיינען אליין רייך, אדער זייא האבען רייכע פריינד און פערוואנדטע, פלעגט מען זייא ברענגען אין דער שטאדט אלושיר און מען פלעגט זייא הייסען שרייבען בריעף אהיים, אז מען זאל שיקען פאר זייא אן אויסקויף געלד.

דער ביא פון אלושיר פלעגט פיהרען דאס זעהר איינבעגנגענדע געשעפט אליין, ער פלעגט נעהמען זיך דיא העלפט פון דעם רויב און דיא אויסקויף געלדער און דיא אנדערע העלפט פלעגט ער אוועק געבען צוא זיינע מענשען.

דיא פיראטען פון אלושיר זיינען געוועזען דער שרעקען פון אלע מעערן זייט הונדערטער יאהרען. ווער עס איז אריינגעפאלען אין זייערע הענד, דער האט געמוזט בעצאהלען אגרויסע סומע געלד. דאס האט געדויערט ביז 1836, ווען דיא פיראטען פון אלושיר האבען געפאנגען גענומען אפראנצייזישעס שיף, האבען זיא צוגענומען און האבען אויסגעפרעסט פון איהר אגרויסע סומע אויסקויף געלד, דאמאלס האט פראנקרייך געשיקט א פלאטע מיט אן ארמעע און האט אפגענומען אלושיר.

אין יענע צייט ווען אונזער ערצעהלונג האט פאסירט, זיינען דיא איינוואוינער פון אלושיר געוועזען דיא שרעקליכסטע מעער רויבער אויף דער וועלט.

דיא געזאנדטע פון אלושיר זיינען אריינגעקומען שטאלץ און זיינען גלייך צוגעגאנגען צום טראהן פון קעניג באאבדיל.

— בעהערשער פון דיא מאסלעמים, ליכט פון גראנאדא! האט דער עלטסטער פון זייא געזאגט, אונזער הערשער דער שטארקער און מעכטיגע ביא פון אלושיר, האט אונז געשיקט דיר זאגען, אז שיקען אן ארמעע קיין גראנאדא קען ער יעצט ניט, וויל אלע אונזערע קריעגער געפינען זיך אויף דיא מעערן, ער האט אבער געגעבען אבעפעהל, אז וואו מיר וועלען טרעפען א שפאנישעס שיף, זאלען מיר אויף איהר אנפאלען, זאלען זייא בערויבען און זאלען ברענגען אלע מענשען, וועלכע מיר וועלען אנטרעפען אויף איהר, קיין אלושיר. מיין הערשער

האט

האט געשווארען, אז ער וועט ניט דורכלאזען ניט איין שפאנישעס שיף. ער וועט פיהרען קריעג מיט שפאניען, אבער נור אויפ'ן וואסער.

אויף קעניג באאבדילס ליפען האט זיך וויעדער געוויעזען אזאנ־דערבארעס שמייכעל.

— אויך פון איהם קען איך קיין הילף ניט ערווארטען, האבען זיינע בלייבע ליפען געמורמעלט, ער בעריהמט זיך נור, ער וויל מיר אבער ניט העלפען.

דאן האט ער געזאגט צוא דיא געזאנדטע אין דער הויך:

— איך דאנק דעם מעכטיגען הערשער, דעם ביא פון אלזשיר, פאר זיין הילף!

ער האט דאן אווינק געטאהן צוא זיינע מענשען, זייא זאלען ארויספיהרען דיא געזאנדטע פון אלזשיר.

אין זאל איז וויעדער געווארען שטיל, אז מען האט געקענט הערן, וויא דאס הערץ פון יעדען קלאפט.

פרינץ מוזא האט אראפגעלאזען דעם קאפ אויף דער ברוסט אונ האט געזיפצט שטילערהייט.

2.

מען מוז זיך אונטערגעבען.

— פיהרט אריין דעם געזאנדטען פון שפאניען! האט קעניג באאבדיל בעפאהלען.

עס האט זיך אויפגעהויבען אפארהאנג אונ אשטאלצער שפאנישער אפיציער אין אן אייזערנעם פאנצער איז אריינגעקומען אין זאל. ער האט זיך שטאלץ ארומגעקוקט אין זאל אונ איז צוגעקומען צום טראהן פון קעניג באאבדיל, הינטער איהם זיינען געגאנגען פינף אפיצירן, אלע אנגעטאהן אין פאנצערס, אויף וועלכע עס האט געגלענצט דער וואפען (געווער) פון שפאניען.

דער שפאנישער געזאנדטער האט בעגריסט דעם קעניג אויף שפאנישער ארט אונ האט געזאגט מיט אהויכער, פייערליכע שטימע.

— צוא דיר, קעניג באאבדיל עלהאקים שיקען דער קעניג פערדינאנד פון ארראגאניען אונ דיא קעניגין איזאבעללא פון קאסטיליען זייער גרוס! זייא האפען, אז דער קריעג צווישען גראנאדא אונ שפאניען

איז געענדיגט אונ זייא באטען אן דעם קעניג פון גראנאדא אזעלכע בעדינגונגען, וועלכע א קעניג דארף זיך ניט שעהמען אנצונעהמען.

אויף דאס געזיכט פון קעניג באאבדיל האט זיך געוויזען אפינס־טערער וואלקען, ער האט זיך אבער איינגעהאלטען; ער האט זיך בעהערשט, ווייא א קעניג אונ האט געשוויגען.

— זייא באטען דיר אן אלס געשענק א שטיקלאנד אין דער פראווינץ אלפוקסאר, וועלכעס זאל געהערען צוא דיר ניט אלס קעניג, זאנדערן אלס פירסט פון שפאניען, האט דער שפאנישער געזאנדטער ווייטער געזאגט. — דיא שטאדט גראנאדא וועט געהערען צוא זיינער קעניגליכען מאיעסטעט פערדינאנד פון שפאניען. זייערע גנעדיגע מאיעסטעט, דער קעניג פערדינאנד אונ דיא קעניגין איזאבעללא, פערשפרעכען צוא לאזען וואוינען אין גראנאדא אללע איצטיגע איינוואוינער. קיינער וועט זייא ניט שטערן ניט אין זייער גלייבען אונ ניט אין זייערע געשעפטען. מען שענקט זייא אללע שטייערן אונ אללע אבצאהלונגען פאר דרייא יאהר. נאך דרייא יאהר וועלען זייא צאהלען דיזעלבע שטייערן, וואס אללע שפאניער צאהלען.

ווער עס וועט ניט וועלען בלייבען אין גראנאדא, דער מעג זיך פאהרען פראנק אונ פרייא וואוהין ער וויל. קיינער וועט איהם ניט אויפהאלטען אונ קיינער וועט איהם ניט שטערן.

דיזע בעדינגונגען באטען דיר אן דער קעניג פערדינאנד אונ דיא קעניגין איזאבעללא דורך מיך, גאנזאלעס דע קארדאווא!

דער שפאנישער געזאנדטער האט געענדיגט זיין רעדע.

קעניג באאבדיל האט זיך ארומגעקוקט. ער האט געזוכט א בליק פון זיינע מיניסטארען, גענעראלען אונ האף לייט. ער האט זייא גע־פרעגט מיט דיא אויגען, וואס זייא דענקען פון דיא בעדינגונגען, וועלכע דער קעניג פון שפאניען האט איהם אנגעבאטען. אללע האבען אראפ־געלאזען דיא קעפ אונ האבען געקוקט צוא דער ערד.

— אונ וואס וועט זיין, ווען איך וועל ניט אננעהמען אייערע בע־דינגונגען? האט ענדליך קעניג באאבדיל געפרעגט.

— עדעלער קעניג באאבדיל! האט דער שפאנישער געזאנדטער געענטפערט, פערלאנגט ניט פון אונז, מיר זאלען דיר זאגען זאכען, וועלכע זיינען דיר געוויס זעהר אונאנגענעהם. מיינע גנעדיגע הערשער געבען דיר זיבעציג טעג צייט זיך צוא איבערלעגען. דיא האסט גענוג צייט, בראווער קעניג! געה ארויף אויף דיא מויערן פון גראנאדא, בעטראכט דיא שטאדט אונ דיא געגענד ארום אונ דוא וועסט זעהן, אז מיט אויסגעהונגערטע מענשען קען מען זיך לאנג ניט איינהאלטען.

דיין פאלק איז טאפפער און מוטהיג, אבער גאט האט געהייסען, אז שפאניען זאל זיעגען.

— איך וועל גיבען אייערע מאנארכען אן אנטווארט פיעלייכט נאך היינט, העכסטענס מארגען, האט קעניג באאבדיל געענטפערט.

דאן האט ער זיך געווענדעט צום געזאנדטען און האט איהם געזאגט:

— דוא, העדר געזאנדטער, האסט מיר צוואר געבראכט זעהר אביטערען נאכריכט, פון דעסטוועגען בין איך דיר דאנקבאר. מיין גראס וועזיר וועט דיר איבערגעבען דיא צייכענס פון מיין דאנקבארקייט. דער קעניג פון גראנאדא וועט ניט ארויסלאזען א געזאנדטע פון א פרעמדען הערשער אהן א געשענק.

מיט דיעזע ווערטער האט ער אווינק געטאהן, אז מען זאל ארויספיהרען דיא געזאנדטע פון שפאניען.

ווען דיא געזאנדטע פון שפאניען זיינען ארויסגעגאנגען פון זאל, האט זיך קעניג באאבדיל געווענדעט צוא פרינץ מוזא און האט איהם געפרעגט:

א, עדעלער פרינץ! זאג מיר דיינע מיינונג, גיב מיר דיין ראטה אין דער טרויעריגען לאגע, אין וועלכער מיר געפינען זיך. דוא האסט אלעס געהערט, דוא ווייסט, וויא ווייט מיר קענען האפען אויף הילף פון מחמדאנישע הערשער.

פרינץ מוזא איז אויפגעשטאנען פון זיין שטוהל און האט זיך געשטעלט אויף א טרעפ פון׳ם טראהן. זיינע אויגען האבען געגליהט, זיינע באקען האבען געפלאמט און ער האט געציטערט, וויא אין אפיעבער. ער האט זיך אומגעקוקט אין זאל און האט אויסגערופען:

— קענט איהר דען ניט דיא שפאניער? ווייסט איהר דען ניט, אז היינט, ווען זייא געפינען זיך פאר דיא מויערן פון גראנאדא, זאגען אייך צוא אלעס; שפעטער, ווען מיר וועלען זיך אונטערגעבען און דיעזע הויכע און פעסטע מויערן וועלען אונז מעהר ניט בעשיצען; ווען מיר וועלען זיך געפינען בייא זייא אין דיא הענד, וועלען זייא ניט האלטען זייער ווארט און וועלען אונז צווינגען אנצונעהמען זייער גלויבען. זייא וועלען איינפיהרען אין גראנאדא דיא אינקוויזיציאן און מען וועט פערברענען מחמדאנער אויפ׳ן שייטערהויפען, וויא מען פערברענט יעצט אידען אין ארראגאניען און קאסטיליען.

זייא ווילען, אז מיר זאלען זיך אונטערגעבען. אונזער לאגע איז געוויס טרויעריג, פאר וואס זאלען מיר זיך אונטערגעבען? אין גראנאדא געפינען זיך צוויא הונדערט טויזענד איינוואוינער, פון דיעזע צוויא

הונדערט טויזענד געפינען זיך צוואנציג טויזענד שטארקע הענד, וועלכע קענען האקען דיא קעפ פון זייערע פיינד מיט אשווערד. פאר וואס אלזא זאלען מיר זיך אונטערגעבען? דער הונגער צווינגט אונז? — דער פאר דארפען מיר זיך שלאגען ביז צום לעצטען טראפען בלוט. — מיר זיינען פערצווייפעלט? דאס דארף אונז גיבען קראפט צוא ראנגלען זיך.

רוהיג איז דער שטילער אקס, רייצט איהם אבער און ער הייבט אויף זיינע שרעקליכע הערנער און דורכלעכערט זיינע פיינד.

הער מיך, גאט אין הימעל! הער מיך גרויסער פראפעט! הער מיך, פאלק פון גראנאדא! מיר זאלען זיך ניט אונטערגעבען! מיר זאלען פערזאמלען אונזערע קרעפטע און ארויסגעהן געגען דיא שפאניער! איך זאג ניט, אז מיר וועלען זיעגען, אבער מיר וועלען שטארבען וויא העלדען. מיר וועלען שטארבען, וויא פרייע מענשען, ווייל טויט קען מען ניט שמידען אין קייטען; עס איז אבער בעסער צוא שטארבען אלס פרייער מאן אלס צו לעבען אלס שקלאף, געשמידט אין קייטען. לאז דיא וועלט, לאזען דיא דורות, וועלכע וועלען לעבען נאך אונז וויסען, אז מיר האבען זיך געראנגעלט ביז צוא לעצט.

קעניג פון גראנאדא! דוא האסט מיך געפרעגט מיין מיינונג, דאס איז דיא מיינונג פון מוזא בן אבדאללאה!

דער פרינץ איז געבליעבען שטיל און האט זיך אומגעקוקט אין זאל. אמאל ווען פרינץ מוזא פלעגט רעדען, פלעגען אלע אויפשטעלען מויל און אויערן און אלע פלעגען אננעהמען מיט פרייד און מיט פערגעניגען, אלע פלעגען זיין איינפערשטאנדען מיט זיין מיינונג. יעצט אבער האבען אלע געשוויגען, אלע זיינען געווען קאלט, וויא אייז. אלע האבען אראפגעלאזען דיא קעפ און האבען ניט גערעדט א ווארט.

עס זיינען פערגאנגען איניגע לאנגע און שווערע מינוטען, אין וועלכע מען האט ערווארטעט, אז איינער זאל זיך אפרופען, אדער זאל עפעס ענטפערן, אבער אלעס איז געבליעבען שטיל און טרויעריג.

ענדליך האט זיך קעניג באאבדיל געווענדעט צוא דיא פערזאמלטע און האט געזאגט:

— קריעגער און קלוגע מענער! איהר האט געהערט דיא מיינונג פון אונזער בעריהמטען גענעראל, פרינץ מוזא, ווען איהר זייט איינפערשטאנדען מיט איהם, וועל איך באלד הייסען פויקען אלארעם (טרעוואגא) און נאך היינט ביי נאכט וועלען מיר ארויסגעהן פון דיא טויערן פון גראנאדא אום צוא שטארבען פאר אונזער גלויבען.

אך, גרויסער קעניג! האט אויסגערופען אן אלטער גענעראל, עס

איז אומזיסט צוא שלאגען זיך קאפ אן דער וואנט! דאס שיקזאל איז געגען אונז.

— גאט איז גרויס!

— אך, גאט! האט אויסגערופען אבדמעלעק, ווען אלע ציטערן אונ זיינען פערצווייפעלט. וויא קענען מיר אויפהערען דיא מענגע, דאס פאלק? — ווייסט איהר דען ניט, אז דאס פאלק האט נור איין געפיהל — ברויט, ווען דאס פאלק האט קיין ברויט צוא עסען, דאן קענט איהר עס ניט אויפהייבען מיט אגעפיהל.

— זייט איהר אלע פון דער מיינונג, אז עס איז אומזיסט צוא שטעלען זיך געגען דיא שפאניער? ווייסט קיינער פון אייך א ראטה, וויא זיך צוא העלפען אין אונזער לאגע?

— מיר ווייסען קיין ראטה, מיר געפינען קיין אויסוועג, האט מען געענטפערט פון אלע זייטען.

— דאן געה, אבדמעלעק, אין לאגער פון דיא שפאניער אונ פער־האנדעל מיט זייא, אויף וועלכע בעדינגונגען מיר זאלען זיך אונטער־געבען, זיך אויסצוקוועטשען בעסערע בעדינגונגען אלס דיא, וועלכע דיא געזאנדטע האבען אונז אנגעבאטען.

אין זאל איז נאך אלץ געוועזען שטיל, קיינער האט ניט געענטפערט.

— אויסגעשפיעלט! האט קעניג באאבדיל ווייטער געזאגט וויא צוא זיך אליין, דיא קרוין פאלט אראפ פון מיין קאפ! איך קען זיא מעהר ניט האלטען. ביז אהער בין איך געוועזען אייער קעניג, יעצט בין איך אן אונגליקליכער גלייך מיט אייך אלע! — איך ערקלער דיא אוידיענץ פאר געלאסען! דאס איז דאס לעצטע מאל, וואס דיא קעניגע פון גראנאדא האלטען זייער הויף. — דאס שיקזאל וויל אזוי. איך מוז מיך אונטערגעבען!

קעניג באאבדיל האט גערעדט אזוי הערצליך, אזוי טרויעריג, אזוי הערצרייסענד, אז פיעלע פון דיא פערזאמעלטע האבען אנגעהויבען צוא וויינען. איינינע האבען זיך געווארפען צוא זיינע פיס, האבען אנגעהאפט דעם זוים פון זיין קלייד אונ האבען עס געקושט.

— אך! פערלאז אונז ניט, אונזער גוטער אונ עדעלער קעניג! האבען איינינע געוויינט. לאמיר אוועקפאהרען פון דיעזעם לאנד וואו עס הערשען פאנאטיזמוס אונ אבערגלויבען! לאמיר אוועקפאהרען אין א לאנד, וואו דיא פאהן מיט דער האלבע לבנה וועהט אין דעם הויף. באאבדיל עלהאקים וועט דארט אויך זיין א פירסט, א קעניג.

מוזא האט געקוקט אויף דיא פערזאמעלטע מיט א פינסטערען בליק.

— וויבער! האט ער געמורמעלט: — זייא זיינען וויבער, קיינע מענער! איהר פערגיעסט טרעהרין אין דער צייט, ווען איהר וואלט געדארפט פערגיעסען בלוט. — נארען! עזלען! בהמות! איהר מיינט, אז איהר פערליערט יעצט נור אייער קעניגרייך, — איהר פערליערט אלעס! איך זעה מיט אפענע אויגען, וויא דיא שפאניער וועלען איינ-פיהרען דיא אינקוויזיציאן אין אונזער שעהנעס לאנד אונ וועלען פון אייך ארויספרעסען אייער גאלד מיט אייזערנע צוואנגען. איהר וועט קריעכען אויף דיא קניע פאר דיא מענשען, וועלכע זאגען אייך יעצט צו אלעס אין דער וועלט. —

ער האט זיך אומגעקוקט אין אלע זייטען אונ האט זיך געווענדעט צום קעניג!

— זייא געזונד, קעניג באאבדיל! איך בעדויער דיך ניט, ווייל איך וויים, אז דוא קענסט נאך געפינען אגיפט אין דיינע גערטנער אונ אשווערד אין דיין גארטעל, דורך וועלכע דוא וועסט קענען מאכען אן ענדע פון דיין לעבען אונ ווערען פרייא.

זייט געזונד, אלע, עדעלע אונ גוטע מענשען פון גראנאדא! איך פערלאז אייך! איך וויל ניט זעהן, וויא גראנאדא וועט איבערגעגעבען ווערען אין פרעמדע הענד, איך וויל פערלאזען מיין פאטערלאנד, ווען עס איז נאך פרייא, ווען עס געהערט נאך צוא אונז.

מיט דיעזע ווערטער האט ער זיך איינגעהילט אין זיין מאנטעל אונ איז ארויסגעגאנגען פון זאל.

3.

אין ווילדען וואלד.

עס איז אהייסער טאג. דיא זון ברענט, וויא פייער, דיא לופט איז הייס, דיא שווערע זיינען צוגליהט, מענשען אונ טהיערע זיינען מיעד אונ זוכען דעם שיצענדען שאטען פון אדאך אונ ווער עס געפינט זיך אין דרויסען, דער זוכט דעם שוץ פון אגרינעם וואלד.

אין אווילדען וואלד פאהרט יעצט א רייטער אליין. וויא הייס עס איז אין דרויסען, האט ער דאך ניט אראפגעווארפען פון זיך זיין שווארצען מאנטעל. עס איז דייטליך, אז ער וויל זיך פערשטעלען, וויל זיך פעהאלטען, וויל ניט, אז מען זאל איהם דערקענען.

ווען מען זאל זיך צוא קוקען צוא זיין פערד אונ צוא זיינע וואפען,

וואלט מען באלד געזעהן, אז דאס איז קיין איינפאכער רייזענדער, עס איז אבער קיינער גיטא אין דיעזער געגענד. אלעס איז ווילד, פערוואקסען מיט הויכע גראזען אונ ביימער.

דער רייזענדער האט אראפגעלאזען דעם קאפ אויף דער ברוסט אונ האט זיך פערטראכט. דיא ציעגעל פון פערד זיינען ארויסגעפאלען פון זיין האנד; עס הארט איהם ניט, וואוהין זיין פערד וועט איהם פערפיהרען. עס קימערט איהם ניט, וואוהין ער וועט פערפאהרען, וויל ער פאהרט אהן אפלאן, אהן אוועג אונ אהן אציעל. ער פאהרט, וואוהין זיינע אויגען טראגען איהם.

— איך אנטלויף פון מיין פאטערלאנד! האט ער ענדליך געמורמעלט שטילערהייט פאר זיך, מוז איך דען אנטלויפען? יאגט מיך דען ווער עס איז? — איך קען אבער דארט ניט בלייבען. איך קען ניט דערטראגען דעם יאך פון אפרעמדען הערשער, פון אפרעמדען גלויבען. איך קען ניט בייגען מיין קאפ פאר דיא שפאניער. איך וועל ליעבער שטארבען דא אין דעם ווילדען וואלד אלס צוא זעהן מיט מיינע אויגען, וויא דיא קריסטען שלאגען אויף איהר פאהן איבער דיא מויערן פון מיין געליעבטער גראנאדא!

א טיעפער זיפץ האט זיך ארויסגעריסען פון זיין ברוסט.

— ארימעס, אונגליקליכעס לאנד! האט ער אויסגערופען, דוא פיהלסט נאך יעצט ניט דיינע ליידען, יעצט ביסט דוא נור הונגעריג אונ דוא האפסט, אז דיא שפאניער וועלען דיר געבען ברויט, זייא וועלען דיר אבער גיבען אייזען, קייטען, שווערע אייזערנע קייטען! זייא וועלען צוא לעגען גרויסע פייערן, אויף וועלכע מען וועט ברענגען לעבעדיגע מענשען דערפאר וואס זייא האלטען זיך אן דעם גלויבען פון זייערע עלטערן. איך קען דיא פאלשע שפאניער, מיינע לאנדסלייט קענען זייא אבער ניט. איך בין אנטלאפען פון מיין פאטערלאנד, וויל מיינע אויגען האבען ניט געקענט זעהן, וויא מען ציעהט אראפ דיא פאהן מיט דער האלבער לבנה אונ אויף איהר ארט ציעהעט מען ארויף דיא פאהן, דעם ציייכען פון דער אינקוויזיציאן!....

פלוצלינג האט זיך זיין פערד אוועק געשטאהן אהן אזייט. דער רייטער האט אויפגעהויבען דעם קאפ אונ האט זיך אומגעקוקט. — אונטער אבוים איז געשטאנען א מענשענגעשטאלט איינגעהילט אין אשווארצען מאנטעל. דיא געשטאלט האט אמאל געהאט אשעהנעם לאנגען שווארצען בארד, יעצט אבער איז דיעזער בארד געוועזען בעדעקט מיט שטויב, פערקלעפט, פערדרעהט אונ פערמישט מיט קויט. דער מאנטעל פונ'ם פרעמדען איז געוועזען צוריסען אונ איז געהאנגען פון איהם שטיקערווייז. ער איז געגאנגען בארפוס. דיא גאנצע געשטאלט

האט אויסגעוויזען עלענד, אונגליקליך טרויעריג און פערנאכלעסיגט. עס איז געוועזען דייטליך, אז דיעזער מענש האט אין דער לעצטער צייט זעהר פיעל געליטען, אדער מען האט איהם נאכגעיאגט און ער האט זיך געמוזט בעהאלטען אין דיעזען וואלד.

דעם רייטער האט זיך אבער אויסגעוויזען, אז ער קען דיעזע געשטאלט, ער האט ערגעץ געזעהן דיעזען מאן, ער האט ערגעץ גערעדט מיט איהם....

— ווער זאל עס זיין? האט דער רייטער געפרעגט זיך אליין. — איז עס מעגליך? — קען עס זיין? — זאל עס זיין דער בעריהמטער דאקטאר אדער צויבערער אלמאמון? — גרויסער נביא מחמד! איז עס אזוי ווייט געקומען? — איז דאס געווארען פון דעם שטאלצען געלערענטען אלמאמון?

איינע מינוטען האבען זיך ביידע מענער אנגעקוקט, גלייך וויא זייא וואלטען געוואלט זיך אויספארשען, זיך דורכשטעכען, זיך דורכדרינגען, זיך דורכקוקען. — ענדליך האט דער רייטער אויסגערופען:

— ביסט דוא דער שאטען פון דעם בעריהמטען געלעהרטען אלמאמון? ביסט דוא אלמאמון אליין אין פלייש און בלוט? — זאג מיר! ענטפער!

— איך קען דיך, פרעמדער! האט זער מאן אונטער דעם בוים געענטפערט, דוא ביסט דער פרינץ מוזא בן אבדאללאה!

— יא! איך בין פרינץ מוזא! האט דער רייטער געענטפערט און דוא ביסט אלמאמון?

— איך בין אלמאמון! איך שעהם מיך ניט מיט מיין נאמען! אלמאמון הייסט דער גלויביגער, דער מענש, וועלכער גלויבט אין גאט און אין זיינע הייליגע שריפטען. איך גלויב אין מיין גאט און אין זיינע הייליגע שריפטען, וועלכע מיר רופען דיא תורה.

— אזוי? דוא גלויבסט אין דיא תורה? דאן ביסט דוא א איד?

— ווער האט דיר דען געזאגט, אז איך בין אמחמדאנער?

— דאס האט מיר קיינער ניט געזאגט.

— האט דען אמאל פרינץ מוזא געפרעגט, וועלכער גלויבען איז בעסער?

— פרינץ מוזא האט עס ניט געקענט פרעגען, ווייל ער ווייס, אז דער גלויבען מאכט ניט דעם מענשען בעסער אדער ערגער. עס זיינען דא גוטע אידען און שלעכטע מחמדאנער. דער שלעכטער מענש בלייבט שלעכט, זאגאר ווען ער בעקענט דעם בעסטען גלויבען, דער גוטער מענש איז גוט אויך, צוא וועלכען גלויבען ער געהערט.

ליי"ק ח"ב 2.

— אה! יעצט דערקען איך ווידער מיין גוטען אונ עדעלען פרינץ מוזא! האט אלמאמון אויסגערופען, — אזוי קען רעדען נור אן עדעלער מענש. — פאר וואס אבער איז דער עדעלער פרינץ מוזא אוועקגעפאהרען פון גראנאדא, וועלכע געפינט זיך יעצט אין אזא נויט?

— אך דוא גרויסער געלערענטער! דוא צויבערער! האט מוזא געענטפערט מיט אביטערן געלעכטער, דוא בעריהמסט זיך, אז דוא זעהסט, וואס עס וועט קומען אונ דוא ווייסט ניט, וואס עס איז ערשט ניט לאנג געשעהן? — ווייסט דוא ניט, אז גראנאדא האט זיך אונטער־געגעבען צוא דיא שפאניער?

— אונ דוא, פרינץ?

— איך האב פערלאזען מיין פאטערלאנד, ווייל איך קען ניט זעהן, וויא דשאורעס זאלען הערשען איבער איהר. איך וועל אוועקפאהרען אין לאנד פון מיינע עלטערן, קיין אפריקא, דארט וועל איך מיר אויס־זוכען אן ארט, וואו קיין דשאור קומט נאך ניט; אין אזא ארט וועל איך פערברענגען מיינע לעצטע יאהרען, האט מוזא געענטפערט טרויעריג.

— איין גלויבען פערשווינדעט אלזא פון דיעזע לענדער, האט אלמאמון געזאגט, וויא צוא זיך אליין, גראנאדא איז געוועזען דאס לעצטע לאנד אין איירעפא.

מען האט אמאל געגלויבט, אז דער מהמדאנישער גלויבען וועט אפנעהמען דיא וועלט, עס האט זיך אבער אנדערש אויסגעלאזען. ער שטארבט אפ, ער געהט אונטער. —

— עס איז אליגען! האט פרינץ מוזא אויסגערופען, דער מחמדא־נישער גלויבען וועט לעבען אייביג, וויא דיא וועלט! אללאה איז גרויס אונ מחמד איז זיין איינציגער נביא! — ווער ביסט דוא אבער, וועלכער בעקלאגט שוין דעם טויט פון׳ם מחמדאנישען גלויבען? — ביסט דוא קיין מחמדאנער? האסט דוא ניט דעמזעלבען גלויבען, וואס איך האב?

— ניין, פרינץ! מיין גלויבען איז עלטער פון דיינעם; מיין גלויבען איז עלטער פון אלע גלויבענס, איך שטאם אפ פון א פאלק פון קעניגע, הערשער, פירסטען, וועלכע האבען בעהערשט דיא וועלט.

— דוא רעדסט אין רעטענישען, אלמאמון! איך פערשטעה דיך ניט, ווער ביסט דוא דען? פון וואס פאר א גלויבען האלטסט דוא דען?

— איך בין א איד! האט אלמאמון געענטפערט שטאלץ.

— דוא ביסט א איד? האט פרינץ מוזא אויסגערופען ערשטוינט אונ דערשראקען, דוא, אלמאמון? אונ דוא האסט אונז אלע אפגענארט?

— איך האב אייך ניט אפגענארט. איהר האט מיך קיין מאל

ניט געפרעגט איבער מיין גלויבען אונ איך האב איך קיין מאל ניט געזאגט, אז איך בין א מתמדאנער. וויא אזוי האב איך איך אפגענארט?

פרינץ מוזא האט געטראכט איינינע אויגענבליקע אונ האט ענדליך געזאגט:

— דוא האסט רעכט, ניט דוא האסט אונז אפגענארט, מיר האבען זיך אליין אפגענארט. אזוי זיינען מיר שוין! מיר גלויבען יעדען אונ האבען צוטרויען צוא יעדען, דערפאר נארט אונז יעדער אפ. יעצט, אז איך ווייס, ווער דוא ביסט, וויל איך מעהר ניט האבען צוא טאהן מיט דיר. מיר זיינען אמאל געוועזען גוטע פריינד, לאמיר זיך צוא געהן, וויא גוטע פריינד. — זייא געזונד, אלמאמון! גאט זאל זיין מיט דיר!

מיט דיעזע ווערטער האט ער געגעבען זיין פערד דיא שפארען אונ האט געוואלט אוועקפאהרען.

— שטעה, פרינץ! ווארט אווייליע! האט אלמאמון אויסגערופען מיט אביטערע שטימע.

פרינץ מוזא האט זיך אומגעקעהרט אונ האט געפרעגט שטרענג:

— וואס ווילסט דוא נאך פון מיר?

— איך האב מיט דיר עפעס צוא רעדען.

פרינץ מוזא האט זיך אומגעקעהרט אונ איז געבליעבען שטעהן פארן בוים, אונטער וועלכען אלמאמון איז געשטאנען.

— וואס ווילסט דוא מיר זאגען?

— ענטפער מיר אויף איין פראגע, פרינץ.

— פרעג, וועל איך דיר ענטפערן.

— איז דיין פאטערלאנד דיא איינציגע זאך אויף דער וועלט, וועלכע דוא ליעבסט? האט אין דיין הערצען קיין מאל ניט געציטערט אנ'אנדערעס געפיהל אויסער דיא פרייד צוא שלאגען דיינע פיינד? האט דיין הערץ קיין מאל ניט געקלאפט שטארקער, ווען דוא האסט דערזעהן אגאנדער מענשען, — אפרויא? ווייסט דוא גאר ניט פון דיעזעס זיסע אונ עדעלע געפיהל, וועלכע דיא מענשען רופען ליעבע?

פרינץ מוזא האט אציטער געטאהן אונ זיינע בלייכע באקען זיינען גאנץ לייכט רויט געווארען.

— איך בין אמענש, וויא אלע מענשען, האט ער געזאגט, איך פיהל דאס זעלבע, וואס אלע מענשען פיהלען אונ ווייס פיעלייכט מעהר פון אנדערע מענשען, וואס ליעבע איז — איך האב אמאל געליעבט, איך ליעב זיא נאך יעצט. — וואו איז זיא אבער? — אך! ווען דיינע וויסענשאפט קונסט אדער דיין געהיימע קונסט זאל מיר קענען

פערשאפען איין בליק אויף דיא פרויא, וועלכע איך ליעב, וואלט איך געגלויבט אן דיר, וויא דער קעניג באאבדיל. דוא האלסט געוועזען מיין בעסטער אונ טהייערסטער פריינד אויף דער וועלט.

— אזוי שטארק ליעבסט דוא דיין זאאירא? האט אלמאמון געפרעגט רוהיג.

— צויבערער! כישוף מאכער! האט אויסגערופען פרינץ מוזא, — פון וואנען קענסט דוא מיין געהיימנים? איז דיינע וויסענשאפט אזויא שטארק אונ דיין קונסט אזוי גרויס, אז דוא האסט זאגאר דערראטהען דעם נאמען פון מיין געליעבטער? דאן מוזט דוא דאך וויסען, אז קעניג פערדינאנד האט מיר געגעבען א פרייען פאספארט ארומצופאהרען אין גאנץ שפאניען, אריינצוקומען, וואוהין איך וויל אונ פערבלייבען, וואו איך וויל. — אבער צוא וואס רעד איך אומזיסט? זאג מיר וואו איז זיא? — פיהר מיך צוא איהר!

— קום! איך וועל דיך פיהרען צוא איהר, האט אלמאמון געזאגט טרויעריג, איך בין ערשט עהע נעכטען געוואהר געווארען, וואו זיא געפינט זיך. — אך! דיא טייפל! דיא שלעכטע מענשען! זייא האלטען זיא געפאנגען, פערשפארט אין דיא פינסטערע מויערן פון א מאנאסטיר. זייא ווילען זיא צווינגען אנצונעהמען זייער גלויבען —

— וואס רעדסט דוא? פון וואנען ווייסט דוא עס? האט מוזא אויסגערופען.

— פרעג ניט! קום מיט מיר! — ווייסט דוא, אז זייט דרייא טעג לויף איך ארום אין דיא בערג, וויא א וואהנזיניגער? איך האב ניט געגעסען, ניט געטרונקען אונ ניט גערוהט.

— וואס געהער זיא זיך אן מיט דיר? פאר וואס ביסט דוא אזוי פערזארגט פון איהרעטוועגען? וואס איז זיא דיינע?

— דוא וועסט עס באלד געוואהר ווערן, האט אלמאמון געענטפערט. — קום!

מוזא האט געוואלט געבען זיין פערד דיא שפארען, באלד אבער האט ער זיך עפעס איבערלעגט אונ איז געבליעבען שטעהן.

— האסט דוא א פערד? האט ער געפרעגט.

— איך בין צוא פוס, האט אלמאמון געענטפערט.

— האבען מיר א וויטען וועג?

— א טאג רייזע.

פרינץ מוזא האט זיך פערטראכט. ער האט געזעהן אן אלמאמון'ס לייכע באקען, אז ער האט קיין כח וויטער צוא געהן.

— זעץ דיך אויף הינטער מיר, האט ער געזאגט צוא אלמאמון, זיין פערד איז גענוג שטארק אונז ביידען צוא טראגען א גאנצען טאג.

אלמאמון האט זיך אויפגעזעצט הינטער פרינץ מוזא און זייא זיינען ביידע אוועקגעפאהרען אין ווילדען וואלד. אלמאמון האט נור געוויזען דעם וועג, אויף וועלכען זייא דארפען פאהרען.

4.

אויפ'ן וועג.

לאנגזאם זיינען געפאהרען ביידע רייטער אין ווילדען וואלד, אויף קרומע און שטייניגע וועגען. אמאל האט דיעזער וואלד געהערט צוא גראנאדא, היינט געהערט אלעס צוא שפאניען. גראנאדא איז ניט מעהר א קעניגרייך, זיא איז א שפאנישע שטאדט. דאס האט געוואוסט זעהר גוט פרינץ מוזא, דער העלד פון גראנאדא.

ער האט פראבירט רעדען צוא אלמאמון פון פערגאנגענע צייטען, ווען גראנאדא איז געוועזען א שטארקעס לאנד און איהרע הערשער זיינען געוועזען בעריהמט ווייט אין דער וועלט. אלמאמון אבער האט אראפגעלאזען דעם קאפ אויף דער ברוסט און האט געשוויגען. עס איז געוועזען דייטליך, אז אשרעקליכער שמערץ פרעסט איהם, דריקט איהם און פיללט אויס זיין הערץ.

פון צייט צוא צייט האט זיך א טיעפער זיפץ ארויסגעריסען פון זיין ברוסט און זיינע ליפען האבען געמורמעלט ווערטער פון א שפראכע, וועלכע פרינץ מוזא האט ניט פערשטאנען. אלמאמון האט געזאגט פסוקים פון תנ"ך. פרינץ מוזא האט איהם געלאזען צוא רוה.

אזוי זיינען זייא אוועקגעפאהרען איינינע שטונדען. פאר נאכט איז זייא ענטגעגען געקומען א שפאניער קריעגער אויף א שעהנעם, שטארקעס פערד. ער איז געפאהרען גאנץ לוסטיג און האט געזונגען א ליעד איבער דעם זיעג פון קעניג פערדינאנד און וויא ער האט איינגענומען גראנאדא. דאס ליעד איז געוועזען א נייעס, ערשט ניט לאנג פערפאסט און דיא ווערטער האבען געלויבט אז זייער פאהן איז שטארקער פון דער האלבער לבנה.

דאס בלוט האט זיך צוגעקאכט אין פרינץ מוזא'ס אדערן. דער שטאלצער מחמדאנער האט ניט געקענט איבערטראגען דיא בעליידיגונג.

— שווייג, שפאנישער הונד! האט פרינץ מוזא אויסגערופען פול צארן, שטעל דיך ניט אונטער צוא בעליידיגען מיין גלויבען! העל לייכטעט דיא האלבע לבנה איבער דער וועלט!

— אבער ניט איבער שפאניען, האט דער שפאניער געענטפערט מיט אווילדען געלעכטער.

פרינץ מוזא האט ארויסגעחאפט זיין שווערד און האט געוואלט איהם אריינשטעכען דעם שפאניער אין הארצען, אלמאמון אבער איז געוועזן פלינקער פון איהם. שנעל, וויא דער בליץ, איז ער אראפגע-שפרונגען פון מוזא'ס פערד, איז צוגעלאפען צום שפאניער, האט עפעס אויף איהם א שפריץ געטאהן. דער שפאניער איז אראפגעפאלען פון זיין פערד און איז געבליעבען ליעגען טויט.

אלמאמון האט זיך אויפגעזעצט אויף דעם שפאניערס פערד און האט געזאגט צוא פרינץ מוזא.

— יעצט וועלען מיר קענען שנעלער פאהרען. דיין פערד איז מיעד, ער קען אונז ביידען ניט דערטראגען און מיר האבען נאך א ווייטע וועג פאר זיך.

איינינע מינוטען זיינען ביידע מענער געפאהרען אייגער לעבען אנדערן און האבען געשוויעגען. ענדליך האט פרינץ מוזא אויסגערופען:

— זאנדערבארער מענש! איך קען דיך ניט פערשטעהן! ווער ביסט דוא? וועלכע זיינען דיא קרעפטע מיט וועלכע דוא ארבייטעסט? — מיט וועלכער קראפט האסט דוא געטייטעט דעם שפאניער?

— האסט דוא געלעזען דיא געשיכטע פון מיין פאלק?

— איך האב זיא געלעזען.

— געדענקסט דוא דיא געשיכטע, וויא דער יונגער דוד בן ישי, דער פאסטוך, האט זיך געשטעלט געגען דעם ריעז גלית און האט איהם געטייטעט. געדענקסט דוא דיעזע געשיכטע?

— איך געדענק זיא.

— האסט דוא זיך אמאל געפרעגט, מיט וואס פאר א קראפט האט דער יונגער דוד, וועלכער איז דאמאלס נאך געוועזן גאר א קינד, געטייטעט דעם שרעקליכען ריעז?

— ביז אהער האב איך מיר נאך ניט געשטעלט דיעזע פראגע.

— פאר וואס?

— ווייל אמאל זיינען געוועזן אנדערע צייטען. אמאל זיינען געוועזן ריעזען, היינט אבער זיינען קיין ריעזען מעהר ניטא.

— ניין, פרינץ, ניין! דוא פערשטעהסט ניט אונזער געשיכטע, האט אלמאמון אויסגערופען בעגייסטערט, עס זיינען דאמאלס געוועזן ריעזען און עס זיינען נאך היינט דא ריעזען!

— נון, איך האב נאך קיין ריעז ניט געזעהן אין מיין לעבען! האט פרינץ מוזא געענטפערט מיט א שמייכעל.

— זיינען דיא שפאניער ניט קיין ריזען געגען דיא אידען? זיינען דיזעלבע שפאניער ניט קיין ריזען געגען אייך, מחמדאנער? דער שלעכטער, דער פערדארבענער איז שטענדיג א ריזע געגען דעם שוואכען, דעם עהרליכען, דעם אונטערדריקטען. א ריזע הייסט ניט א מאן, וועלכער איז צוויא מאל אזויא הויך פון דיא אנדערע מענשען און צוויא מאל אזוי שטארק פון אנדערע מענשען; א ריזע הייסט יעדער, וועלכער איז פאלש, פערדארבען ניעדערטרעכטיג און האט קיין וואהרעס ווארט אין מויל און קיין עהרליכען געדאנקען אין קאפ.

— דאס קען זיין, האט פרינץ מוזא בעמערקט, איך פערשטעה אבער נאך אלץ ניט, מיט וועלכער קראפט האסט דוא געטייטעט דעם שפאניער.

— מיט דערזעלבער קראפט, מיט וועלכער דוד, דער יונגער און שוואכער פאסטוך, האט געטייטעט דעם שרעקליכען ריזע גלית הפלשתי.

— וויא הייסט דיזע קראפט?

— דער גלויבען! — יעצט לאמיר ווייטער פאהרען. עס ווערט שפעט.

פרינץ מוזא האט צוואר ניט גאנץ גוט פערשטאנען אלמאמון'ס אנטווארט, ער האט אבער פערשטאנען, אז אלמאמון וויל זיך אויסדרעהן פון איהם און וויל איהם ניט אויסזאגען זיינע געהיימניסע.

עס איז געווארען דונקעלער. ביידע מענער זיינען געווארען זעהר מיעד און האבען געמוזט זיך אויסרוהען. זיא זיינען צו געקומען צוא אבערגעל, וועלכער איז געווען בעוואקסען מיט אלטע, הויכע בוימער.

— דא וועלען מיר זיך אויסרוהען און וועלען לאזען אונזערע פערד זיך אויסרוהען. זיא האבען דא הויכעס פרישעס גראז געגוג, האט אלמאמון געזאגט, נאך האלבע נאכט ווען אויפגעהן דיא לבנה, מיר וועלען דאן קענען ווייטער פאהרען ביז צוא אונזער בעשטימונגס ארט.

פרינץ מוזא האט בעקומען רעספעקט פאר דיזען אונגעוועהנליכען מענשען און האט געטאהן אלעס וואס אלמאמון האט איהם געהייסען.

זיא האבען צוא געבונדען זייערע פערד אויף לאנגע שטריק און האבען זיא געלאזען פרעסען דאס זאנפטיגע גראז ארום, אליין האבען זיא זיך געזעצט אונטער א בוים. פרינץ מוזא האט ארויסגענומען פון א לעדערנעם ביטעל, וועלכער איז געהאנגען אויף זיין זאטעל, ברויט און קעז און האט עס אניעדערגעלעגט אויפ'ן גראז.

— דוא בִּיסְט גֶעוִויס הוּנְגֶעריג, אלמאמון, האט פְּרִינְץ מוזא גֶעזָאגְט טְרויעריג. — דָאס אִיז אַלֶעס, וָואס מוזא בן אבדאללאה, דער שְׁטָאלְצֶער אוּנ רייכֶער פְּרִינְץ פוּן גראנאדא, וֶועלְכֶער פְּלֶעגְט עֶסֶען אויף גָאלְד אונ זִילְבֶּער, קֶען דיר יֶעצְט אָנְבָּאטֶען. דָאס אִיז מִיר גֶעבְּלִיבֶּען פוּן מַיין רייכְטְהוּם, פוּן מַיין גְלַאנְץ אונ פוּן מַיין מַאכְט. אַ שְׁטִיק בְּרויט מִיט קֶעז אִיז דָאס אֵיינְצִיגֶע, וָואס פְּרִינְץ מוזא הָאט יֶעצְט אוֹיף זַיין טִישׁ.

— דוא הָאסְט דָאךְ גֶעהַאט פַּאלַאצֶען, לֶענְדֶער, דֶערְפֶער, בְּרִילְלְיַאנְטֶען אונ גָאלְד! וואו אִיז דֶען אַלֶעס אַהִינְגֶעקוּמֶען? הָאט אלמאמון גֶעפְרֶעגְט.

— מַיין גָאלְד, זִילְבֶּער אונ בְּרִילְיַאנְטֶען הָאבּ אִיךְ אויפְגֶעאָפְּפֶערְט פַאר מַיין פָאטֶערְלַאנְד; מַיינֶע פַּאלַאצֶען, לֶענְדֶער אונ דֶערְפֶער הָאבֶּען דִיא שפאניער צוּגֶענוּמֶען.

— הָאט קֶענִיג פערדינאנד דִיר נִיט גֶעוָואלְט בֶּעצָאהלֶען פַאר זַייא?

— עֶר הָאט מִיר אָנְגֶעבָּאטֶען גָאלְד, אִיךְ הָאבּ עֶס נִיט גֶענוּמֶען. אִיךְ קֶען נִיט אָנְנֶעהמֶען דָאס שפאנישע גָאלְד, וֶועלְכֶעס אִיז בֶּעגָאסֶען מִיט בְּלוּט פוּן דִיא אָפְּפֶער פוּן דֶער אִינְקְוִויזִיצְיָאן.

בֵּיידֶע נַייֶע פְרַיינְד הָאבֶּען גֶעגֶעסֶען, וָואס זֵייא הָאבֶּען גֶעהַאט אוּנ הָאבֶּען זִיךְ אַנִידֶער גֶעלֶעגְט אָפְּרוּהֶען אויפ'ן גְרָאז. פְּרִינְץ מוזא אִיז בַּאלְד אַנְטְשְׁלָאפֶען גֶעוָוארֶען אונ הָאט נִיט גֶעוואוּסְט, וָואס וַוייטֶער אִיז גֶעשֶׁעהֶען.

וִויא לַאנְג עֶר אִיז גֶעשְׁלָאפֶען, הָאט עֶר נִיט גֶעקֶענְט וִויסֶען. וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אויפְגֶעהַאפְּט, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּא זוּכֶען אלמאמון, וֶועלְכֶער הָאט זִיךְ גֶעלֶעגְט לֶעבֶּען אִיהם, אונ הָאט אִיהם נִיט גֶעפוּנֶען. פְּרִינְץ מוזא הָאט זִיךְ אַרוּמְגֶעקוּקְט אִין אַלֶע זַייטֶען.

דֶער מָאנְד הָאט זִיךְ נוּר וָואס אַרוֹיס גֶעוִויזֶען פוּן הִינְטֶער דִיא בֶּערְג, אוּנְטֶער דִיא בּוֹימֶער אִיז נָאךְ גֶעוֶוען דוּנְקֶעל, דָארְט אָבֶּער וואו דִיא בּוֹימֶער זַייעֶן גֶעשְׁטַאנֶען וַוייט אֵיינֶער פוּן אַנְדֶערְן, אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַזוֹיא הֶעלל, אַז מֶען וָואלְט גֶעקֶענְט דֶערְקֶענֶען אַ מֶענְשֶׁען.

פְּרִינְץ מוזא הָאט זִיךְ אויפְגֶעהוֹיבֶּען אונ אִיז גֶעגַאנְגֶען זֶעהֶן, וואו אִיז עֶרְגֶעץ אלמאמון אונ וָואס דִיא פֶערְד טְהוּען. עֶר אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען נוּר עֶטְלִיכֶע שְׁרִיט, וֶוען עֶר הָאט דֶערהֶערְט אַ שְׁטִילֶעס, וֶועהמִיטִיגֶעס, הֶערְצְרַייסֶענְדֶעס וויינֶען.

עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען נֶעהֶנְטֶער אונ הָאט דֶערזֶעהן אַ מֶענְשֶׁען

געשטאלט שטעהן מיט׳ן געזיכט קיין מזרח, בעטען אונ וויינען. דאס איז געוועזען אלמאמון!

ביי דיא מחמדאנער איז עס אגרויסע זינד צוא שטערן א מענשען, ווען ער בעט צוא גאט, דיא תפלה איז ביי זייא אזוי הייליג, אז עס מאכט ניט אויס, ווער עס בעט צוא גאט, ער מעג זיין א איד, א קריסט, אדער זאגאר א היידע; קוים בעט ער צוא גאט, טאר מען איהם ניט שטערן.

פרינץ מוזא איז פאר ביי געגאנגען גאנץ נאהענט לעבען אלמאמון אונ האט געהערט, וויא ער בעט צוא גאט אויף אראביש. דאס האט איהם פעראינטערעסירט. ער איז צוא געגאנגען געהנטער אונ האט זיך צוא געהערט.

— פערצייה מיר, מיין גוטע, געליעבטע פרויא! האט אלמאמון אויסגערופען, פערצייה מיר טויזענד מאל! איך האב געשווארען, אז איך זאל נוקם זיין פאר דיין פריהצייטיגען טויט אן קעניג אלמאנזאר, אונ איך האב ניט געהאלטען מיין ווארט. דיא ליעבע צוא מיין פאלק איז געוועזען שטארקער אין מיר אלס דאס געפיהל פון נקמה צוא דיין מערדער. איך האב געשווארען, איך זאל אפהיטען דיין קינד, — אונזער איינציגעס קינד, אונזערע טהייערע לאהלע, וויא מיינע אויגען אין קאפ אונ איך האב זיא אליין איבערגעגעבען אין דיא הענד פון איהרע מערדער. איך מוז יעצט זיא טייטען מיט מיינע אייגענע הענד, אום זייא זאלען זיא ניט צווינגען צוא פערלאסען איהרען גלויבען.

דוא ביסט יעצט אין הימעל, מיין טהייערע, געליעבטע פרויא. דוא זעהסט אלעס. דוא קענסט מיין הארץ אונ ווייסט, וויא ריין, וויא אונשולדיג איך בין. איך האב אלעס געוואלט טאהן צום בעסטען, גאט האט אנדערש געוואלט, גאט האט אנדערש געמאכט. יהי שם ד׳ מבורך מעתה ועד עולם. דער נאמען פון גאט זאל זיין געלויבט איצט אונ אייביג!

פרינץ מוזא האט אציטער געטאהן. ער האט דערהערט דעם נאמען פון זיין פאטער. אלמאנזאר איז דער מערדער פון אלמאמון׳ס פרויא.

— וואס איז דאס? האט ער זיך געטראכט, מיין פאטער אונ אלמאמון? וויא קומען זייא צוזאמען? זאל צווישען דיעזען מענשען אונ מיין פאטער זיך געפינען אן אלטע פיינדשאפט? אן אונפערצייהליכע בעליידיגונג? — אך! אלעס איז מעגליך אויף דיעזער וועלט. איך בין יעצט געוואהר געווארען נאך א בלוטיגעס געהיימניס פון מיין פאמיליע. אלמאמון האט געשווארען זיך נוקם צוא זיין אן מיין פאטער, ער האט

אבער

אָבֶּער זיין וואָרְט ניט גֶעהאַלְטֶען אוים לִיעבֶּע צוּא זַיין פָאלְק. דָאס אִיז פַאר מִיר אַ נַייעס, דַאן מוּז אִיךְ זֶעהן גוּט צוּא מַאכֶען, וְואס מַיין פָאטֶער הָאט גֶעטָאהן שְׁלֶעכְטֶעס.

מִיט דִיעזֶע וֶוערְטֶער אִיז עֶר אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען צוּא דִיא פֶערְד.

— אִיךְ הָאבּ אִיהם נִיט פֶערְשְׁטַאנֶען, דִיעזֶען גְרוֹיסֶען מַאן! הָאט עֶר וַוייטֶער גֶעזָאגְט צוּא זִיךְ אַליין. מֶען פְלֶעגְט דֶערצֶעהלֶען אַזוֹי פִיעל שְׁלֶעכְטֶעס פוּן דָאס אִידִישֶׁע פָאלְק, אַז אִיךְ הָאבּ אַ צִיטֶער גֶעטָאהן, וֶוען אִיךְ הָאבּ דֶערהֶערְט, אַז עֶר אִיז אַ אִיד. אִיךְ זֶעה אָבֶּער יֶעצְט, אַז אִיךְ בִּין גֶעוֶועזֶען אוּנְגֶערֶעכְט גֶעגֶען אִיהם.

וָואס וִויל עֶר אָבֶּער טָאהן? וֶועמֶען וִויל עֶר דֶען טֵייטֶען? וָואס וַוייזְט עֶר אַזוֹי אוּנ בֶּעט אוּם פֶערְצֵייהוּנְג? — עֶר אִיז אַ זָאנְדֶערבַּארֶער מֶענְשׁ. אִיךְ מוּז אִיהם בֶּעסֶער קֶענֶען. אִיךְ מוּז וִויסֶען, וָואס מִיט אִיהם הָאט פַּאסִירְט אִין זַיין לֶעבֶּען. —

אלמאמון הָאט אוּנְטֶערְדֶעסֶען גֶעעֶנְדִיגְט זַיין גֶעבֶּעט, הָאט זִיךְ אָפְּגֶעוִוישְׁט דִיא טְרֶערֶען פוּן דִיא בַּאקֶען אוּנ אִיז גֶעגַאנְגֶען אוֹיפְוֶועקֶען פְּרִינְץ מוּזא. עֶר הָאט אִיהם גֶעטְרָאפֶען שְׁטֶעהֶענְדִיג אוּנְטֶערן בּוֹים, אוּנְטֶער וֶועלְכֶען זֵייא זַיינֶען גֶעשְׁלָאפֶען.

— דֶער מָאנְד אִיז אוֹיפְגֶעגַאנְגֶען, דֶער וֶועג אִיז הֶעלל בֶּעלַייכְטֶעט, לָאמִיר פָאהרֶען, פְּרִינְץ, הָאט עֶר גֶעזָאגְט מִיט זַיין גֶעוֵועהְנְלִיכֶער רוּהִיגֶער שְׁטִימֶע.

פְּרִינְץ מוּזא אִיז גֶעוֶועזֶען אַזוֹי אִיבֶּערַראשְׁט פוּן אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעזֶעהן אוּנ גֶעהֶערְט אִין דִיא לֶעצְטֶע הַאלְבֶּע שְׁטוּנְדֶע, אַז עֶר הָאט נִיט גֶעקֶענְט זַאמְלֶען זַיינֶע גֶעדַאנְקֶען.

— לָאמִיר פָאהרֶען, הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט שְׁטִילֶערְהֵייט.

זֵייא הָאבֶּען אָנְגֶעזָאטֶעלְט שְׁטִילֶערְהֵייט זֵייעֶרֶע פֶערְד אוּנ זַיינֶען אַוֶועקְגֶעפָאהרֶען.

בַּאלְד זַיינֶען זֵייא אַרוֹיסְגֶעפָאהרֶען פוּן וַואלְד אוּנ זַיינֶען אַרוֹיפְגֶעפָאהרֶען אוֹיף אַ גְרוֹיסֶען וֶועג. פוּן בֵּיידֶע זֵייטֶען זַיינֶען גֶעוֶועזֶען רַייכֶע פֶעלְדֶער אוּנ שֵׁעהְנֶע וַויינְגֶערְטֶנֶער. דָאס לַאנְד אִיז גֶעוֶועזֶען שֵׁעהן, וִויא אַ גַן עֵדֶן.

פְּרִינְץ מוּזא הָאט עֶטְלִיכֶע מָאל אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּא רֶעדֶען צוּא זַיין בֶּעגְלֵייטֶער, אלמאמון אָבֶּער הָאט גֶעשְׁווִיגֶען, אָדֶער הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אֵיין וָוארְט פוּן צֶעהן. זֶעהר אָפְט הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט, אַז עֶר ווייס נִיט, עֶר הָאט נִיט גֶעהֶערְט, הָאט נִיט גֶעזֶעהן.

— עֶפֶּעס קָאכְט זִיךְ אִין הֶערְצֶען פוּן דִיעזֶען זָאנְדֶערבַּארֶען מֶענְשֶׁען, הָאט פְּרִינְץ מוּזא גֶעמוּרְמֶעלְט צוּא זִיךְ אַליין. אִיךְ וָואלְט מוֹרָא גֶעהַאט

מִיט

מיט איהם צוא פאהרען, ווען איך זאל מיך ניט געווען איבערצייגען דיעזע נאכט, אז ער איז גוט אונ עהרליך. ער האט אבער געליטען זעהר פיעל. רעספעקט פאר ליידען!

5.

על קידוש השם.

עס האט אנגעהויבען צוא טאגען. העלער אונ העלער איז גע-וואָרען אין דרויסען. ענדליך איז ארויסגעגאנגען דיא זון אונ האט בעגאסען דיא גאנצע געגענד מיט איהרע העלע שטראהלען.

פון דער וויטען האט מען געקענט זעהן דיא הויכע שפיצען פון אקאמוילישער קירכע. דער וועג האט געפיהרט צוא דער קירכע, זיא איז אבער נאך געווען אזוי וויט, אז מען האט נאך ניט געקענט זעהן, וואס פאר הייזער אונ געביידען עס געפינען זיך ארום איהר.

דיא געגענד האט אנגעהויבען לעבעדיגער צוא ווערן. מען האט געקענט זעהן בויערן רייטען אויף זייערע ניעדעריגע, אבער קרעפטיגע פערד. ערגעץ פון א שטאהל איז ארויסגעקומען א פאסטוך מיט א העערדע (סטאדא) שאף. דאס זיינען געווען יענע טהייערע שעפסען, וועלכע גיבען ארויס א וואלל, וועלכעס איז אזוי פיין, וויא זייד, דאס זיינען דיא מעריינאס-שאף, וועלכע זיינען בעריהמט אין דער גאנצער וועלט פאר זייער וואלל.

מוזא האט בעטראכט דיעזע געגענד מיט שמערץ אונ וועהמוטה אין הארצען. ער האט געוואוסט, אז ער מוז פערלאזען דיעזעס שעהנע לאנד אויף אייביג; איהם איז געווען טהייער אין דיעזעס לאנד יעדע קליינינקייט, יעדעס בערגעלע, יעדעס גרעזעלע, יעדעס טייכעלע אונ יעדער בוים.

אמאל האבען זיינע עלטער-עלטערן בעוואוינט דיעזע געגענדען. גאנץ שפאניען האט געהערט צוא דיא אראבער, נור אין א ווינקעלע, ערגעץ גאנץ וויט אין דיא בערג פלעגען נאך וואוינען דיא אלטע פעלקער, וועלכע בעוואוינען דיעזעס לאנד זייט טויזענדער יאהרען.

דאמאלס האט אלעס געהערט צוא דער האלבער לבנה. אין קארדאווא האבען זייא געבויט שטאלצע פאלאצען, אין טאלעדא האבען זייא געהאט פעסטע שלעסער. אלעס איז געווען שעהן, אלעס איז

געוועזן רוהיג, אלעס איז געוועזן שטיל, שטאלץ און גלענצענד אין דיא שטעדט און דיא דערפער.

— יעצט אבער איז אלעס אנדערש געווארען, האט פרינץ מוזא געמורמעלט, דער קריעג האט אנגעהויבען זיך צו פערברייטען און האט צוגענומען איין שטיק לאנד נאך'ן אנדערן, ביז ער איז צו געקומען צו דער לעצטער פעסטונג פון דיא מחמדאנער, — צו גראנאדא.

אין דער צייט וואס פרינץ מוזא האט אזוי גערעדט צו זיך אליין, איז אלמאמון געריטען אויף זיין פערד שטיל, פערטראכט, טרויעריג, ניעדערשלאגען און אונרוהיג. פון צייט צו צייט פלעגט ער אויפהויבען דעם קאפ און פלעגט א קוק טאהן אויף דיא שפיצען פון דער קירכע.

אזוי איז פערגאנגען איינינע צייט. פלוצלינג האבען דיא גלאקען פון דער קירכע אנגעהויבען צו קלינגען.

אלמאמון האט א ציטער געטאהן און איז געווארען בלייך, וויא קאלך.

— זאל איך קומען צו שפעט? האט ער געפרעגט זיך אליין. — איך מוז מיך איילען!

ער האט צוגעקוועטשט דיא זייטען פון זיין פערד מיט זיינע שטארקע בארוויסע פיס און האט א געשריי געטאהן צו פרינץ מוזא:

— שנעלער, פרינץ! שנעלער!

האסטיג, אונגעדולדיג, אונרוהיג, בלייך, אויפגערעגט, געררייצט, מיט א העלליש פייער אין דיא אויגען, מיט פערצווייפלונג אין הערצען מיט שרעק אין געזיכט האט אלמאמון געדריקט זיין פערד, האט איהם געטריעבען, האט איהם געשלאגען, און האט איהם געיאגט.

דאס פערד איז געפלויגען, וויא א שטורם ווינד. פרינץ מוזא האט בעטראכט אלמאמון מיט שרעק און שטוינען. דער ווינד האט אראפגעוועהט דעם טורבאן פון אלמאמון'ס קאפ. זיינע לאנגע שווארצע האר, וועלכע זיינען אין דער לעצטער צייט גרויא געווארען, האבען געפלאטערט אין ווינד און ער האט אויסגעוויעזען, וויא עטוואס העבע־רעס, עטוואס ניט מענשליכעס.

— איך פערשטעה דאך ניט דיעזען זאנדערבארען מענשען, האט פרינץ מוזא געזאגט צו זיך אליין.

ער האט אויך געגעבען זיין פערד דיא שפארען, ער האט געוואלט אניאגען אלמאמון, — עס איז אבער געוועזן אונמעגליך.

אלמאמון איז געלאפען גלייך צו דער קירכע, וואו דיא גלאקען

האבען געקלונגען אלץ העכער, אלץ אפטער און אלץ שטארקער.

פרינץ מוזא האט ערשט דערזעהן, אז די קירכע שטעהט ניט אויף א פרייען פלאץ. זיא איז ארומגערינגעלט פון א הויכע און שטארקע שטיינערנע מויער. די טויערן פון דער מויער זיינען געשטאנען אפען און שפאנישע בויערן מיט זייערע פרויען און קינדער זיינען אריינגע־פאהרען און אריינגעגאנגען.

אלמאמון איז אריינגעלאפען אין די טויערן פון מאנאסטיר, ווי א שטורעמווינד. ער האט צושטופט און צו ווארפען אלעמען און איז אריינגעלאפען אין קירכע, ווי א וואהנזיניגער.

פרינץ מוזא איז אנגעקומען מיט איניגע מינוטען שפעטער פון איהם. ער האט געפרעגט די מענשען, וואס זיינען געשטאנען ארום:

— וואס קומט דא פאר?

— א יונגעס מעדכען נעהמט אן דעם קריסטליכען גלויבען, האט מען איהם געענטפערט.

פרינץ מוזא האט זיך ווייניג אינטערעסירט מיט אזעלכע זאכען. ער האט געטראכט איניגע אויגענבליקע און האט זיך איבערלעגט, אויב ער זאל אריינגעהן אדער ניט.

פלוצלינג אבער האט מען דערהערט פון דער קירכע א געשריי פון שמערץ און פערצווייפלונג. פרינץ מוזא האט זיך ניט געקענט איינהאלטען. ער איז אראפגעשפרונגען פון זיין פערד און איז אריינ־געלאפען אין קירכע.

ביי דער טהיר איז געשטאנען א גרויסער הויפען מענשען. פרינץ מוזא האט געמוזט זיך דורכדרענגען מיט געוואלט. ער האט געארבייט מיט זיינע ברוינע שטארקע הענד און האט זיך דורכגעשלאגען ביז צום אלטאר.

דארט זיינען געשטאנען די נאנען (מאנאשקעס) מיט זייער בטעסין. אויף א פאר טרעפ העכער פון אלעמען איז געשטאנען אלמאמון מיט א בלויזען שווערד אין איין האנד און אין דער אנדערער האנד האט ער געהאלטען די געשטאלט פון א מענשען אין לאנגע ווייסע קליידער.

א טהירעל האט זיך געעפענט פון הינטען. א הויכער מענש אין לאנגע שווארצע קליידער איז ארויסגעקומען מיט א גרויסען גאלדענעם קרייץ אין דער האנד. דאס איז געוועזען דער גראס אינקוויזיטאר פון שפאניען, טהאמאס דע טארקוועמאדא.

— אוועק פון דאנען! האט דער גראס אינקוויזיטאר געזאגט פינסטער צו אלמאמון, דא וועלען דיר ניט העלפען דיינע צויבערייען, דיין

כישוף האט קיין מאכט אין דיעזע הייליגע מויערן. — לאז אפ דיא פרויא, וועלכע האט אפגעגעבען איהר לעבען צוא גאט!

דאס זיינען געוועזן דיא ערשטע ווערטער, וועלכע מווא האט גע־הערט אין דער קירכע.

— זיא איז מיין טאכטער! האט געשריעען אלמאמון מיט אן אונמענשליכער שטימע. איך בין איהר פאטער! אין נאמען פון דעמזעל־בען גאט פארדער איך, דוא זאלסט זיא מיר אפגעבען! איהר האט זיא ביא מיר אוועק גערויבט! —

— חאפט דעם צויבערער! בינדעט דעם מכשף! האט געשריעען טהאמאס דע טארקוועמאדא. חאפט איהם! שלאגט איהם! ער וויל אוועקרויבען אפרומע נאנע פון מאנאסטיר!

אבער קיינער האט זיך ניט גערירט פון'ם ארט, קיינער האט ניט געוואגט ארויפצולעגען א האנד אויף אלמאמון. זיינע צוא ווארפענע האר, זיינע פייעריגע אויגען, זיין גאנצעס אויסזעהן, בעזאנדערס אבער דער שארפער, בלישצענדער שווערד אין זיין האנד האבען אלעמען בעצויבערט.

— פאטער! האט געזיפצט לאה'לע, — פאטער רעטע מיך פון דיעזען מענשען!

— איך וועל דיך רעטען! האט געשריעען אלמאמון מיט אן איבער מענשליכער, אוננאטירליכער שטימע.

ער האט זיא גענומען אויף דיא הענד, וויא מען נעהמט א קליין קינד, האט זיא צוגעפרעסט צום הארצען מיט איין האנד אונ מיט דער אנדערער האנד האט ער אויפגעהויבען דעם שווערד אין דער הויך אונ האט אויסגערופען:

— מאכט פלאץ, איהר פאלשע שפאניער! אייער קעניג האט מיר געגיבען זיין עהרענווארט אלס קעניג, אלס עהרנמאן אונ אלס עדעלמאן אז ער וועט מיר אפגיבען צוריק מיין טאכטער צוא יעדער צייט, ווען איך וועל זיא פון איהם פארדערן. וואס האט ער געטאהן? — ער האט זיא איבערגעגעבען צוא דיעזען בלוטהונד — צוא טארקוועמאדא

ער האט געוואלט ארויסלויפען פון דער קירכע, אבער א שווערע אייזערנע האנד האט זיך ארויפגעלעגט אויף זיין פלייצע אונ האט איהם צוריק געהאלטען. דאס איז געוועזן טארקוועמאדא.

— שפאניער! האט טארקוועמאדא געשריעען צוא דיא פערזאמעל־טע, — שפאניער! וועט איהר עס ערלויבען, אז א פערדאמטער זאל אוועקרויבען פאר אייערע אויגען א פרומע נאנע, וועלכע וויל אפגיבען איהר לעבען צוא גאטס דיענסט?

דיא פערזאמעלטע אין דער קירכע האבען געפאסט מוטה און האבען ארומגערינגעלט אלמאמון מיט זיין טאכטער. דיא אבטעסין האט זאגאר ארומגענומען לאה׳לען און האט געוואלט זיא ארויס רייסען פון אלמאמון׳ס הענד.

טארקוועמאדא האט אויך אפגעלאזען אלמאמון׳ס פלייצעס און האט אנגעכאפט לאהלע ביים קאפ.

— רעטע מיך, פאטער! האט לאהלע געוויינט.

— איך וועל דיך רעטען, האט אלמאמון געענטפערט. זאג שמע ישראל!

— שמע ישראל, ד׳ אלקינו, ד׳ אחד, האט לאהלע אויסגערופען.

זיא האט אבער ניט געענדיגט דעם פסוק. רבי מיימון האט זיך אויסגעדרעהט, האט אויפגעהויבען זיין שווערד און האט איהם אריינגעשטאכען זיין טאכטער אין הארצען.

— שטארב, טאכטער, פאר אונזער גאט! פאר אונזער גלויבען! האט רבי מיימון געשריען.

— מערדער! וואס האסט דוא געטאהן? האט געשריען א פרעמדע שטימע.

א מאן איז אריבער געשפרונגען איבער אלעמען און איז צוא געלאפען צוא דער בלוטיגער סצענע. דאס איז געווען פרינץ מוזא. ער האט אויפגענומען דיא שטארבענדע לאהלע אין זיינע ארימס.

אלמאמון האט געהאלטען דעם פערבלוטיגטען שווערד אין דער הויך. אלע האבען זיך דערשראקען פאר איהם און זיינען אפגעטרעטען פון איהם. ער איז ארויסגעלאפען פון דער קירכע, וויא א וואהנזיניגער. קיינער האט זיך ניט געשטעלט געגען איהם, קיינער האט ניט געוואגט איהם אויפצוהאלטען.

ער איז ארויסגעלאפען, איז ארויפגעשפרונגען אויף זיין פערד און און איז אנטלאפען געווארען.

פרינץ מוזא האט ארומגענומען לאהלע, האט גערעדט צוא איהר, האט זיא געבעטען, זיא זאל עפענען דיא אויגען און אקוק טאהן אויף איהם!

לאהלע האט דערקענט זיין שטימע, האט געעפענט דיא ליפען, האט עפעס געמורמעלט, האט אציטער געטאהן, האט זיך אויסגעשטרעקט און איז געבליעבען ליעגען טויט.

פרינץ מוזא האט עס ניט בעמערקט אדער האט זיך געמאכט, אז ער בעמערקט עס ניט, אז זיא איז טויט. ער האט נאך אלץ געהאלטען איהרע קאלטע הענד און האט געוואלט זייא דערווארעמען.

לוי״ק הז״ב

רעדט

— רעדט צוא מיר, מיין טהייערע זאאירא! האט ער געבעטען, זאג מיר א ווארט! עפען דיינע שעהנע אויגען!

דיעזע ליפען האבען שוין אבער מעהר ניט געקענט רעדען צוא איהם, דיעזע אויגען זיינען געווען געשלאסען אויף אייביג.

— איינינע מינוטען זיינען אלע אנוועזענדע אין קירכע געווען איזוי איבערראשט אונ דערשראקען פון דער בלוטיגער סצענע, וועלכע האט זיך נור וואס אפגעשפיעלט פאר זייערע אויגען, אז זייא האבען ניט געקענט זיך ריהרען פון זייערע ערטער. יעדער איז געשטאנען וויא א פערשטיינערטער אונ האט געשוויעגען.

צוא ביסלעכווייס האבען זייא אנגעהויבען צוא קומען צוא זיך. דער ערשטער איז געקומען צוא זיך טארקוועמאדא. ער איז צוא געגאנגען צוא לאהלע, האט גענומען איהר האנד אונ האט אנגעטאפט דעם פולס, פיעלייכט לעבט זיא נאך.

פרינץ מווא האט געוואלט זיך אויסדרעהן פון איהם, זיך אוועקקעהרן פון איהם, ווען ער האט אבער געזעהן, אז דער גייסטליכער טאפט נור דעם פולס ביא זיין לאהלע, האט ער איהם געלאזען.

— ווער ביסט דוא, פרעמדער? האט טארקוועמאדא געפרעגט דעם פרינץ.

פרינץ מווא האט איהם ניט געענטפערט, ער האט צוגעטראגען דעם טויטען קערפער פון דער אונגליקליכער לאהלע צום אלטאר. דארט איז געווען אויסגעשפרייט א טעפיך (א קאווער) אויף דער ערד; אויף דיעזען טעפיך האט ער זיא לאנגזאם אונ פארזיכטיג א ניעדער געלעגט.

אין דיעזע מינוט איז זיא געווען בעזאנדערס שעהן. ווער עס איז געווען אין אקריעג אונ האט זיך צוגעקוקט צוא א שלאכטפעלד, דער האט געוויס בעמערקט, וויא דיא געטייטעטע זעהן אויס שעהן אין דער ערשטער שטונדע נאך זעהר טויט. זייער געזיכט ווערט פערקלערט עס ליעגט אויף איהם אן אויסדרוק פון פריעדען אונ רוהע, וועלכען מען קען ניט בעשרייבען מיט ווערטער.

שפעטער נעהמט אן דאס געזיכט פון'ם טויטען דיא ערדפארב. דער טויט לעגט ארויף זיין זיעגעל אונ זאגט:

— דאס איז אמאל געווען אמענש.

לאהלע'ס געזיכט האט יעצט געשיינט. עס האט זיך זאגאר אויסגעוויעזען, אז זיא איז געשטארבען מיט א שמייכעל אויף איהרע ליפען.

— ווער ביסט דוא, פרעמדער? וויא קומסט דוא אהער? דאט דער גראס אינקוויזיטאר נאך אמאל געפרעגט פרינץ מווא.

דער פרינץ האט איהם ניט געענטפערט. טהאמאס דע טארקוועמאדא האט ארויפגעלעגט דיא האנד אויף פרינץ מוזא'ס פלייצע אונ האט איהם געפרעגט מיט א שטרענגען הארטען טאן:

— פאר וואס ענטפערסט דוא מיר ניט, פרעמדער?

— לאז איהם צוא רוה, הייליגער פאטער! האבען אויסגערופען איינינע שטימען, זעהסט דוא דען ניט, אז ער קען דיר יעצט ניט ענטפערן? זעהסט דוא דען ניט, אז זיין שמערץ איז אזוי גרויס, אז זיינע ליפען קענען זיך ניט רידהרען? פערשטעהסט דוא דען ניט, אז זיין שמערץ איז אזוי גרויס, אז ער האט זאגאר קיין טרעהרען צוא פערגיעסען?

טארקוועמאדא איז אפגעטרעטען פון פרינץ מוזא. איינינע נאגען זיינען צוא געקומען אונ האבען ארויפגעווארפען אויף לאה'לעס טויטען קערפער א שווארצעס טוך.

פרינץ מוזא איז לאנגזאם ארויסגעגאנגען פון דער קירכע אונ האט זיך אויפגעזעצט אויף זיין שווארצעס פערד. קיינער האט איהם ניט אויפגעהאלטען, קיינער האט איהם ניט געשטערט. קיינער האט איהם ניט געפרעגט אונ קיינער האט ניט גערעדט א ווארט צוא איהם.

ער איז לאנגזאם ארויסגעפאהרען פון דיא טויערן פון מאנאסטיר אונ איז אוועקגעפאהרען צום וואלד.

זייט דאמאלס איז דער העלד פון גראנאדא, פרינץ מוזא בן אבדאללאה פערשוואונדען געווארען אונ קיינער ווייס ניט, וואס מיט איהם איז געשעהן. איז ער ווירקליך אנגעקומען קיין אפריקא אונ האט זיך דארט געגרינדעט א נייעס היים, אדער ער איז געפאלען ערגעץ אין א שלאכט, אדער האט איהם דאס מעער פערשלונגען: קיינער ווייס עס. קיינער קען עפעס זאגען דאריבער.

דיא געשיכטע ביכער פון דיא שפאניער אונ דיא אראבער דערצעהלען נור, אז פרינץ מוזא איז פערשוואונדען געווארען אונ מען האט פון איהם מעהר ניט געהערט.

6.

דער לעצטער טאג אין גראנאדא.

עס איז נאך מיטאג. דיא זון שטעהט שוין זעהר ניעדעריג אויפ'ן הימעל, זיא בעלייכטעט אבער דאך נאך גאנץ העלל דיא שעהנע שטאדט גראנאדא.

אין דיא ברייטע, שעהנע גאסען שטעהן רעדלעך פון מענשען מיט ווילדע, פינסטערע געזיכטער. זייא רעדען שטילערהייט, קריצען מיט דיא צעהנער אונ מאכען מיט דיא הענד.

— דאס איז אונזער לעצטער טאג, זאגט איינער, היינט געהערן אונזערע הייזער נאך צוא אונז, מארגען וועלען דיא שפאניער אריינ־ציעהען אין שטאדט אונ וועלען אלעס צוא נעהמען.

— האט קעניג באאבדיל שוין אונטערגעשריעבען דעם פריעדען מיט קעניג פערדינאנד?

— דעם פריעדען? האט אויסגערופען א ווילדער, אלטער מחמדאנער, דוא רופסט עס פריעדען? קעניג באאבדיל האט אונז פערקויפט! קעניג פערדינאנד גיט איהם געלד אונ א שטיק לאנד ערגעץ ווייט אין שפאניען. קעניג באאבדיל וועט דארט אויך לעבען אלס קעניג, אלס פירסט, מיר, אבער, וואס וועלען מיר טאהן? — ביא אונז וועט מען אלעס צוא נעהמען, דאן וועט מען אונז ארויסטרייבען, אדער מען וועט אונז צווינגען אנצונעהמען דעם פערדאמטען קריסטליכען גלויבען. אזוי האנדלען יעצט דיא שפאניער געגען דיא אידען, אזוי וועלען זייא האנדלען געגען אונז.

— מיר זיינען פערלארען, האט געזאגט טרויעריג אנ'אנדערער, מארגען וועלען דיא שפאניער אויפשלאגען דעם קרייץ אויף אונזערע מויערן, דיא האלבע לבנה מיט דיא שליסלען וועלען ליעגען אין שטויב.

אויף דער פאהן פון דיא קעניגע פון גראנאדא פלעגט זיין אויסגענעהט א ווייסע האלבע לבנה פון איין זייט אונ צוויא שליעסעל, איינער איבער דעם אנדערן פון דער אנדערער זייט. דיא האלבע לבנה איז דער צייכען פון דעם מחמדאנישען גלויבען, דיא שליעסעל זיינען געווען א צייכען, אז דיא הערשער פון גראנאדא האבען דיא שליעסעל פון דער שטאדט מעקקא, וועלכע איז א היילינע שטאדט פאר אלע מחמדאנער פון דער גאנצער וועלט.

— וואס מוזס מען אלזא? האט געפרעגט אדריטער, וויא קענען מיר אונז העלפען?

— מיר קענען ניט בלייבען אונטער דער הערשאפט פון'ם קרייץ, מיר מוזען ארויספאהרען פון דיעזעס לאנד, מיר מוזען אויסוואנדערן קיין אפריקא, צוא אונזערע ברידער אין גלויבען.

— וואו נעהמט מען אבער געלד? אויסוואנדערן קיין אפריקא איז ניט אזוי לייכט. מיר מוזען דורכוואנדערן גאנץ שפאניען אונ דאן זיך זעצען אויף שיפען אונ אריבער פאהרען קיין אפריקא. דאס דארף קאסטען פיעל געלד. וואו נעהמט מען דאס געלד?

— אין גראנאדא זיינען דא גענוג רייכע מענשען, וועלכע האבען אזוי פיעל גאלד אונ בריללייאנטען, אז עס וועט זיין גענוג פאר אונז אלעמען.

— דיא אידען זיינען רייך! האט אויסגערופען אן'אנדערער, מיר קענען צוא נעהמען דאס געלד ביי דיא אידען.

— מוזא בן נאסר האט רעכט! האבען זיך אפגערופען אייניגע שטימען, צוא ערשט וועלען מיר אנפאלען אויף דיא אידען אונ וועלען ביי זייא אלעס צוא נעהמען. ווען מיר וועלען ניט געפינען ביי דיא אידען גענוג געלד, וועלען מיר אנפאלען אויף דיא רייכע מחמדאנער.

דיעזער פלאן איז געפעלען געווארען אונ אייניגע מחמדאנער זיינען אוועקגעגאנגען, האבען זיך פערשפרייט אין שטאדט, האבען פערזאמעלט ארום זיך רעדלעך אונ האבען אלעמען מיט געטהיילט, וואס מען האט אפגערעדט. אלעמען איז געפעלען דיעזער פלאן, ווייל יעדער האט געפיהלט, אז מען וועט ניט קענען לעבען רוהיג אונטער דיא הערשאפט פון דיא שפאניער.

גראנאדא איז געוועזען רוהיג פון אויבען, אונטען אבער האט עס געקאכט, וויא אין א קעסעל. עס האט זיך אויסגעוויעזען, אז דיא שטאדט איז רוהיג, ווייל אין דיא גאסען איז געוועזען שטיל, אבער עס איז שטענדיג רוהיג אונ שטיל אין דרויסען, איידער א שטורעמווינד ברעכט אויס.

פאר נאכט איז געווארען אזוי שטיל אין דיא גאסען פון גראנאדא, גלייך וויא דיא גאנצע שטאדט וואלט אויסגעשטארבען, נור אין אידישען קווארטאל איז מען געוועזען אונרוהיג, דארט האט מען געפיהלט, אז עפעס קאכט זיך ביי דיא מחמדאנער. דיא אידען האבען זיך גע־שראקען, זייא האבען אליין ניט געוואוסט פאר וואס, זייא האבען געציטערט אונ האבען זיך אליין ניט געקענט ערקלערן פאר וואס זייא ציטערן.

ווער עס האט געהאט געלד אדער טהייערע זאכען, דער האט זייא בעהאלטען, בעגראבען אין דער ערד. דיא שווערע זאכען, וויא

מעבעל אונ געשירר האט מען געמוזט לאזען אין דיא הייזער. פרויען אונ מעדכען האבען זיך בעהאלטען אין קעללערס אדער ביא בעקאנטע מחמדאנער.

אין דעם גרויסען, מיט א שטארקער מויער ארומגערינגעלטען, הויז פון רבי מיימון האבען זיך פערזאמעלט דיא רבנים אונ דיא גרעסטע אידישע מענער פון גראנאדא. זייא האבען געוואוסט, אז מארגען וועלען דיא שפאניער איבערנעהמען דיא שטאדט אונ קעניג באאבדיל מיט זיין סוויטע וועט ארויספאהרען, זייא האבען ווייטער געוואוסט, אז היינט הערשט קיינער ניט אין שטאדט? דער קעניג איז שוין מעהר קיין קעניג, זיינע גענעראלען זיינען קיינע גענעראלען אונ זיינע אפיציערן האבען שוין קיין טישול אונ קיין מאכט.

דיא רוהיגע, שטילע, קלוגע אונ איבערלעגטע רבנים פון דער אידישער קהילה אין גראנאדא האבען געפיהלט, אז דיא נאכט וועט ניט פערגעהן גאנץ רוהיג. דיא מחמדאנער זיינען ביזז, אויפגערעגט אונ פערדראסען, וואס דיא שפאניער נעהמען צוא זייער שטאדט, אונ זייא וועלען געוויס אויסגיעסען זייער צארן אויף דיא אידען, ווייל דיא אידען זיינען נאך שוואכער אונ נאך אונגליקליכער פון זייא.

זייא האבען דאהער געהייסען, אז יעדער זאל בעהאלטען דאס גאלד אונ זילבער, וואס ער האט, זאל ערגעץ אוועקשיקען זיינע פרויא אונ קינדער אונ זאל זיך פערשליעסען אונ פערשפארען אין זיין הויז.

— יעדער זאל מאכען פון זיין הויז א פעסטונג אונ זאל זיך האלטען אין איהר, וויא לאנג ער וועט קענען, האבען זייא געשיקט איינעם אנזאגען אין יעדער הויז.

זייא אליין האבען פערזארגט זייערע פרויען אונ קינדער, יעדער וויא ער האט געקענט, אונ האבען זיך פערזאמעלט אין הויז פון רבי מיימון, וואו דער אלטער עזריאל האט זייא אויפגענומען פריינדליך אונ האט זייא אריינגעפיהרט אין דיא צימער אדער אין קעלער, צוא וועלכען נור ער אליין האט געוואוסט דעם וועג.

זייא זיצען יעצט אין איינעם פון דיא צימער טרויעריג, ניעדער־געשלאגען אונ פערטראכט. יעדער ווייס, אז פריהער אדער שפעטער וועלען זייא מוזען ארויספאהרען פון דיעזעם לאנד.

— וואס זאלען מיר נאך ווארטען? האט זיך ענדליך איינער פון זייא אפגערופען, וויא שלעכט דיא מחמדאנער זיינען ביז אהער געוועזען געגען אונז, זיינען זייא נאך אלץ פיעל בעסער אלס דיא שפאניער. מיר וועלען ניט קענען לעבען אונטער דער הערשאפט פון דיא שפאניער.

— אלזא וואס זאלען מיר דען טאהן? האט אנ׳אנדערער געפרעגט.

— מיר מוזען שיקען א שליח מיוחד, א בעזאנדערן מענשען, צו דעם גרעסטען מאן פון אונזער צייט, צוא דאן יצחק אברבאנעל, האט דער ערשטער געענטפערט.

— וואס וועט אונז דען דאן יצחק אבארבאנעל העלפען? דיא שפאניער אידען גערהט עס ניט בעסער פון אונז. זייא מוזען אויך אויסוואנדערן.

— זייא ווייסען אבער וואוהין אויסצוואנדערן, זייא האבען זיך פארבערייטעט. איך האב געהערט, אז נאך מיט א יאהר צוריק האט דאן יצחק אברבאנעל געשיקט מענשען צוא דיא קעניגע אונ פירסטען פון איטאליען, זייא אנפרעגען, אויב זייא וועלען אויפנעהמען דיא אידען פון שפאניען. איך ווייס ניט, מיט וואס דיעזע מענשען זיינען צוריק געקומען. איך ווייס אבער, אז דאן יצחק אברבאנעל וועט זיך ניט לאזען אין דער וועלט אריין גלאט אזוי, אהן א פלאן אונ אהן א ציעל, פערגעסט ניט, אז אויסוואנדערן פון א לאנד איז ניט אזוי לייכט, מיר מוזען דאך ווייסען, וואוהין מיר געהן.

— דאס איז דיא גרויסע פראגע! האט זיך אפגערופען א דריטער. מיר האבען פאר אונז נור צווייא וועגען: מיר קענען אויסוואנדערן קיין אפריקא, קיין עגיפטען, מאראקקא אדער טריפאליס, אויף דיעזען וועג מוזען מיר פאהרען אויף שיפען. וואו וועלען מיר נעהמען אזוי פיעל שיפען? וועלען מיר האבען גענוג געלד צוא בעצאהלען דיא שיפען? — דער צווייטער וועג איז אויף דער יבשה, — דורך פראנקרייך. וועט אבער דער פראנצייזישער קעניג אונז דורכלאזען דורך זיין לאנד? וועט ער ניט פארדערן בייא אונז א שווערעס אויסקויף געלד, אז מיר וועלען שוין ניט האבען מיט וואס וויטער צוא פאהרען? —

— אויסוואנדערן! אך! וויא לייכט זאגט זיך עס אויסוואנדערן! האט געזיפצט א פיערטער, וויא שווער איז עס צוא פערלאזען דעם ארט, וואו מען איז געבארען געווארען, וואו מען איז אויפגעוואקסען אונ וואו מען האט פערבראכט דיא גליקליכסטע יאהרען פון׳ם לעבען, — דיא קינדהייט! — דאס איז אבער ערשט דער אנפאנג. מען קומט אין א פרעמד לאנד, וואו דיא מענשען רעדען אנ׳אנדערע שפראכע, לעבען אנדערש, דענקען אנדערש אונ פיהרען זיך אנדערש. אלעס איז פרעמד פאר אונז אונ מיר זיינען פרעמד פאר אלעמען. וויא שווער ווערט עס דאן, איידער מען בעקענט זיך, איידער מען שלאגט זיך צוא עפעס. איידער מען ווערט היימיש!

— צוא וואס זאלען מיר אונז שווער מאכען דאס הארץ? אונזערע חכמים זאגען: „דיה לצרה בשעתה“, עס וועט גענוג שלעכט זיין, ווען

דיא צָרָה וֶועט קוּמֶען. יֶעצְט דַארְפֶען מִיר נוּר דֶענְקֶען וויא אַזוֹי אוֹיסצוּוואַנְדֶערן.

— דַאן בְּלַייבְּט אוּנְז דָאס אֵיינְצִיגֶע מִיטֶעל זִיךְ צוּא פֶערְאֵיינִיגֶען מִיט אוּנְזֶערֶע בְּרִידֶער אִין קארדאווא אוּנ אוֹיסצוּוואַנְדֶערן מִיט זֵייא צוּזַאמֶען.

— צרת רבים חצי נחמה, הָאט בֶּעמֶערְקְט אֵיינֶער, וֶוען מֶען לַיידֶעט צוּזַאמֶען מִיט נָאךְ מֶענְשֶׁען אִיז דָאס אַ הַאלְבֶער טְרַייסְט, אָדֶער וויא דָאס שְׁפְּרִיכְווָארְט זָאגְט: „גֶעטְהֵיילְטֶע לֵיידֶען זַיינֶען הַאלְבֶּע לֵיידֶען״.

עֶס אִיז גֶעבְּלִיבֶּען, אַז קוים ווֶעלֶען דִיא שפאניער אַפְּנֶעהמֶען דִיא שְׁטָאדְט גראנארא, זָאלֶען זֵייא בַּאלְד שִׁיקֶען אַ שָׁלִיחַ מְיוּחָד קַיין קארדאווא צוּא דאן יצחק אברבאנעל אוּנ זָאלֶען אִיהם בֶּעטֶען, עֶר זָאל זֵייא לָאזֶען אוֹיסוואַנְדֶערן מִיט דִיא קארדאווער אִידֶען צוּזַאמֶען.

אוּנְטֶערדֶעסֶען אִיז שְׁפֶּעט גֶעווָארֶען. דִיא נַאכְט אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁטִילֶע, אַ וַוארֶעמֶע, אָבֶּער אַ פִינְסְטֶערֶע, דִיא לְבָנָה הָאט נִיט גֶע-שַׁיינְט אוּנ פוּן בֶּעלַייכְטֶען דִיא גַאסֶען פוּן אַ שְׁטָאדְט בַּייא נַאכְט הָאט מֶען אִין יֶענֶער צַייט נָאךְ נִיט גֶעוואוּסְט.

גראנאדא אִיז גֶעוֶוען פֶערְדֶעקְט מִיטְ'ן דוּנְקֶעלֶען שְׁלֵייעֶר פוּן דֶער פִינְסְטֶערֶער נַאכְט. דִיא רַבָּנִים זַיינֶען נָאךְ אַלֶע גֶעזֶעסֶען אִין צִימֶער אוּנ הָאבֶּען גֶערֶעדְט שְׁטִילֶערְהֵייט. דֶער אַלְטֶער עזריאל אָבֶּער הָאט נִיט גֶעקֶענְט אֵיינְזִיצֶען אִין צִימֶער. עֶר אִיז אַלֶע מָאל אַרוֹיסגֶעגַאנְגֶען אִין דְרוֹיסֶען, אִיז אַרוֹיפגֶעגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם פְלַאכֶען דַאךְ פוּנ'ם הויז אוּנ הָאט אַראָפּגֶעקוּקְט אוֹיף דֶער שְׁטָאדְט.

פְּלוּצְלוּנְג דֶזעט עֶר דֶערזֶעהן, וויא אוֹיף אַ גְרוֹיסֶען פְּלַאץ זַיינֶען זִיךְ צוּנוֹיפְגֶעקוּמֶען מֶענְשֶׁען. דֶער גַאנְצֶער פְּלַאץ אִיז גֶעווָארֶען בֶּעדֶעקְט מִיט מֶענְשֶׁען קֶעפּ. אִין דֶער פִינְסְטֶער אִיז שְׁוֶוער גֶעוֶוען צוּא זֶעהן, וָואס זֵייא טְהוּעֶן.

דֶער אַלְטֶער עזריאל אִיז גֶעשְׁטַאנֶען, וויא אַ פֶערְשְׁטֵיינֶערְטֶער אוּנ הָאט גֶעקוּקְט אוֹיף דִיא סְצֶענֶע, וָואס הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁפִּיעלְט אוּנְטֶען, עֶרְגֶעץ וַוייט פוּן אִיהם. עֶר הָאט גֶעוָואלְט אָפְּוַוארְטֶען, וָואס עֶס וֶועט וַוייטֶער זַיין.

עֶר הָאט נִיט גֶעדַארְפְט לַאנְג וַוארְטֶען. בַּאלְד הָאט זִיךְ גֶעווִיזֶען פַייעֶר אוֹיפְ'ן פְּלַאץ. יֶעדֶער הָאט גֶענוּמֶען אַבְּרֶענֶענְדִיגֶעס לִיכְט, אַ בְּרֶע-נֶענְדִיג שְׁטִיק הָאלְץ אָדֶער אַ שְׁטֶעקֶען אָנְגֶעשְׁמִירְט מִיט פֶּעךְ.

עֶס אִיז גֶעווָארֶען אַזוֹי לִיכְטִיג, אַז מֶען הָאט גֶעקֶענְט זֶעהן דִיא ווִילְדֶע גֶעזִיכְטֶער פוּן דִיא אַראבער מִיט דִיא בְּרֶענֶענְדִיגֶע שְׁטִיקֶער הָאלְץ אִין דִיא הֶענְד.

ביז אהער איז נאך אויפ'ן פלאן אלעס צוא געגאנגען שטיל. מען האט פיעלייכט גערעדט איינער צום אנדערן, אבער עוריאל האט ניט געקענט הערן, וואס מען רעדט, וויל ער איז געשטאנען אין דער הויך.

דיא מענגע האט אנגעהויבען זיך צוא ריהרען, צוא מאכען מיט דיא הענד און צוא שרייען:

— טויט דיא דשאורס! דיא דשאורס זאלען שטארבען!

דער אלטער עוריאל איז ארונטערגעפאלען פון דאך. ער האט אלעס פערשטאנען. ער איז געוועזען בלייך וויא קאלך, ווען ער איז אריינגעקומען אין צימער, וואו דיא רבנים זיינען געזעסען, און האט קוים אויסגעקייכט:

— זייא קומען!

— ווער קומט?

— דיא מחמדאנער האבען זיך פערזאמעלט און זייא גיהען אנפאלען אויף דעם אידישען קווארטאל!

— מיר האבען דער פאר מורא געהאט, האט געזאגט טרויעריג דער רב פון דער שטאדט און האט אנגעהויבען צוא ברעכען דיא הענד. — מיר האבען געזינדיגט און גאט שטראפט אונז זעהר הארט פאר אונזערע זינד.

אין דיעזע מינוט האט זיך דיא טהיר געעפענט און רבי מיימון איז אריינגעקומען אין צימער. ער האט געווארפען א ווילדען, אונרוהיגען בליק ארום זיך, גלייך וויא ער וואלט צום ערשטען מאל געוועזען אין דיעזען צימער.

ווען ער האט דערזעהן, וויא דיא רבנים זיינען אזוי בלייך, אזוי דערשראקען און אזוי טרויעריג, האט ער אויסגערופען:

— וואס איז נייעס? וואס איז געשעהן?

— קיינער האט איהם ניט געענטפערט. אלע האבען אראפגעלאזען דיא קעפ צוא דער ערד און האבען זיך אוועקגעקעהרט פון איהם.

— וואס שווייגט איהר? וואס ענטפערט איהר מיר ניט? האט רבי מיימון אויסגערופען ווילד און אונרוהיג.

— דוא האסט אפגעטרעטען פון אונזער גלויבען, האט ענדליך איינער פון זייא געזאגט, דוא האסט ארויסגעגעבען דיין, איינציגעס קינד פון אונזער גלויבען. מיר האבען דיך מחרים געווען און דיך אויסגעשטויסען פון קהילת ישראל. דוא ביסט מעהר ניט אונזערער!

רבי מיימון האט געקוקט פון איינעם אויפ'ן אנדערן. ער האט ניט פערשטאנען, וואס מען האט גערעדט צוא איהם:

עס זיינען פֿערגאנגען איינינע אויגענבליקע אין אן אונאנגענעהמעס שווייגען. ענדליך איז רבי מיימון געקומען צוא זיך אונ האט געפֿרעגט האסטיג, ווילד, אונרוהיג:

— מיך האט מען מחרים געוועזן? מיך האט מען אויסגעשטויסען?

— דיך, רבי מיימון!

— דאס נאך אויך! האט רבי מיימון אויסגערופֿען אונ האט זיך אנגעכאפּט ביים קאפּ.

אין דיעזע מינוט איז דיא ווילדע מענגע אראבער פֿארבייא געלאפֿען גאנץ נאהענט לעבען רבי מיימון'ס הויז. מען האט געהערט זייערע ווילדע, אונמענשליכע געשרייען:

— טייטעט דיא דשאורס!

רבי מיימון האט א ציטער געטאהן. ער האט ארויסגעכאפּט זיין שווערד פֿון דער שייד, איז אראפּגעלאפֿען אין קעללער, וואו עס פֿלעגען זיך געפֿינען זיינע פֿלעשעלעך מיט אללערלייא שטארקע מאטעריאלען אונ גיפֿטען, האט גענומען עטליכע פֿלעשעלעך אונ האט זייא בעהאלטען בייא זיך אין בוזים, דאן איז ער ארויסגעלאפֿען אין דרויסען.

7.

געשטארבען וויא אהעלד.

וויא א ווילדער שטראם, וועלכער איז שטארק אנגעשוואלען געווארען פֿון שטארקע רעגענס, קומט אן מיט אמאל, פֿערפֿלייצט אללעס אונ שלעפּט אוועק מיט זיך אללעס, וואס ער טרעפֿט אן אויף זיין וועג, אזוי זיינען דיא ווילדע מחמדאנער אנגעלאפֿען אויפ'ן אידישען קווארטאל אונ האבען אנגעהויבען צוא ברעכען דיא הייזער, צוא רויבען אונ צוא מארדען.

דיא שוואכע, דערשלאגענע אונ דערשראקענע אידען האבען מורא געהאט זיך צוא שטעלען געגען זייערע מערדער אונ האבען זייא געלאזען טאהן, וואס זייא האבען געוואלט.

פּלוצלונג האט זיך געוויזען א מאן אויף א פֿייעריגען פֿערד, מיט א בלויזען שווערד אין דער האנד.

— האלט איין! וואס מהוט איהר? האט ער געשריען מיט אן איבערמענשליכער שטימע.

דיא מחמדאנער זיינען אבער געווען אזוי צוקאכט, אז זייא האבען איהם ניט געהערט, אדער האבען זיך געמאכט ניט הערענדיג.

— אוועק פון דאנען! האט דער מאן אויפ'ן שווארצען פערד געשריען, אוועק! אדער איך וועל טייטען יעדען, ווער עס וועט זיך צוא ריהרען צוא א אידיש הויז.

ער איז אריינגעשפרונגען אין דער מיט פון דער ווילדער באנדע, האט אויפגעהויבען זיין שווערד אין דער הויך און האט געטייטעט אדער פערוואונדעט עטליכע מחמדאנער, ביים אנבליק פון בלוט איז דיא ווילדע מענגע געווארען נאך ווילדער, נאך בייזער און נאך מעהר צורייצט.

— ער האט פערגאסען מחמדאנישעס בלוט! האט מען געשריען, — טייטעט איהם! לאזט איהם ניט ארויס לעבעדיג פון דאנען!

זייא האבען איהם ארומגערינגעלט פון אלע זייטען און איינער האט אויף איהם געווארפען אהאק, ער האט איהם אבער ניט געטראפען.

— אוועק פון דאנען! צוגעהט אייך אהיים! האט דער מאן אויפ'ן שווארצען פערד געשריען.

— וועד ביסט דוא דען? ווער האט דיר געגעבען דאס רעכט צוא קאמאנדירען? האט איינער געפרעגט.

אנ'אנדערער האט אויפגעהויבען א ברענענדיג שטיק האלץ און האט עס געהאלטען פאר רבי מיימון'ס געזיכט. פיעלע אראבער האבען איהם דערקענט.

— דאס איז דער צויבערער אלמאמון!

איינינע אויגענבליקע האט זיך דיא מענגע דערשראקען פאר'ן צויבערער, באלד אבער האבען זיך געפונען צווישען זייא בעהארצטע מענער, וועלכע האבען זיך וועניג איבערגעשראקען פאר'ן צויבערער.

— וואס האסט דוא זיך אנגענומען פאר דיא פערדאמטע דשאורים? האט איינער, א געוועזענער אפיציער אין קעניג באאבדילס ארמעע געפרעגט, דוא ביסט דאך א מחמדאנער? דוא ביסט דאך אונזערער?

— איך בין קיין מחמדאנער! איך בין א איד! האט רבי מיימון אויסגערופען, איך וועל ניט דערלאזען, אז מען זאל בערויבען מיינע ברידער!

— ער איז א דשאור! ער איז א איד! ער האט אונז אפגענארט! ער האט אונז בעטראגען! ער האט זיך פערשטעלט פאר א מאסלעם! — טייטעט איהם.

שמארקע ליו"ם ת"ב

שטארקע, ברוינע הענד מיט מעסער, יאטאגאנס און שווערדען האבען זיך אויסגעשטרעקט געגען רבי מיימון. ער איז געווען איינער געגען עטליכע הונדערט.

— איך זאג אייך צום לעצטען מאל, געהט אייך אהיים! האט רבי מיימון געשריען.

— דער דשאור וויל הערשען איבער אונז! דער איד וויל קאמאנדירען מיט אונז! האט דיא ווילדע מענגע געשריען און איז צוגעקומען נעהנטער און נעהנטער צום איינזאמען רייטער.

רבי מיימון האט געזעהן, אז ער קען זיך ניט ריהרען. זיינע פיינד האבען איהם צוגעדריקט צוא א וואנט און האבען אנגעהויבען צוא ווארפען אויף איהם מיט שטיינער און שטיקער האלץ. ער האט ארויסגעכאפט א פלעשעלע פון בוזים, האט זיא געעפענט מיט דיא צעהנער און האט זיא אווארף געטאהן אויפ'ן געדיכטען הויפען פון זיינע פיינד.

עס איז געווארען א געוואלד, א געשרייא און א געוויין.

עס ברענט! עס טהוט וועה! האט מען געשריען, — מיינע אויגען! איך בין בלינד!

דיא מענגע איז אפגעטרעטען פון איהם אויף איינינע שריט דיא פערוואונדעטע האבען זיך געקייקעלט אויף דער ערד אין זייערע שמערצען. דיא געזונדע אבער זיינען געווארען נאך בייזער, נאך ווילדער, נאך געררייצטער און נאך אויפגערעגטער. זייא האבען אנגעהויבען צוא שרייען, צוא שילטען דיא אידען, צוא פלוכען און צוא זידלען.

— געהט אייך אהיים, אדער איהר זייט אלע טויטע מענשען! האט רבי מיימון געווארנט נאך אמאל.

אין דיעזע מינוט איז אנגעקומען א נייע באנדע רויבער פון אנ'אנדער קווארטאל און האט זיך פעראייניגט מיט דער ערשטער.

— וואס איז דא? וואס שטעהט איהר דא? האבען דיא נייע געפרעגט.

— דער צויבערער אלמאמון, דער פריינד פון קעניג באאבדיל, איז גאר א דשאור, א פערדאמטער איד. האט מען זייא געענטפערט.

— וואס טראכט איהר אלזא אזויא לאנג? געפינט זיך ניט איינער פון אייך, וועלכער זאל ברענגען א שפיז און זאל איהם דורכשטעכען.

רבי מיימון האט ארויסגענומען פון בוזים נאך א פלעשעלע, האט זיא געעפענט און האט ווידער געווארנט דיא ווילדע מענגע, זיא זאל זיך צוא געהן.

אזוי וויא קיינער האט איהם ניט געפאלגט, האט ער א ווארף געטאהן דאס פלעשעלע אין גרעסטען הויפען, דאס פלעשעלע האט געפלאצט, איז צוריסען געווארען אויף ברעקלעך. קליינע בליצען האבען זיך געוויזען אונ האבען אויף איינגע אויגענבליקע בעלייכטעט דיא ווילדע סצענע, זייא זיינען אבער באלד פערלאשען געווארען אונ עס איז געווארען נאך פינסטערער וויא פריהער.

ווען דיא אראבער האבען געזעהן, אז דיא בליצען האבען זייא ניט געשאדעט, האבען זייא ארויסגעלאזען א פריידען געשרייא:

— דיין צויבער קען אונז ניט שאדען! אללאה כאבאר! גאט איז גרויס אונ שטארק! מיר האבען קיין מורא פאר דיינע קונסטשטיקע.

— דאן וועל איך קעמפפען געגען אייך אלס מאן! האט אלמאמון אויסגערופען.

ער האט אויפגעהויבען זיין שווערד אין דער הויך, האט געגעבען זיין פערד דיא שפארען אונ איז אריינגעשפרונגען אין דער מיט פון'ם ווילדען הויפען. ער האט געקעמפפט וויא א העלד, ער האט געשטאכען מיט זיין שווערד רעכטס אונ לינקס. זיין פערד איז ווילד געווארען אונ איז געשפרונגען איבער דיא פערזאמעלטע.

— דאס איז קיין מענש! דאס איז א טייפעל! האט מען געשריען פון אלע זייטען.

לוידער איז ער מעהר ניט געוועזען, וויא א מענש. א שטיין האט איהם געטראפען אין פלייצע אזוי שטארק, אז ער האט מעהר ניט געקענט האלטען דעם שווערד אין דער רעכטער האנד. ער האט ארויסגעכאפט מיט דער לינקער האנד זיין יאטאגאן פון גארטעל אונ האט זיך געוועהרט מיט איהם, דער יאטאגאן איז אבער געוועזען צו קורץ.

ענדליך האט איהם אן אראבער געטראפען מיט א שפיז אין הארצען. מיט דיא ווערטער.

שמע ישראל ד' אלקינו, ד'....

איז ער אראפגעפאלען טויט פון פערד.

— דער צויבערער איז טויט! דער צויבערער איז געפאלען! האבען דיא מהמדאנער געשריען פון אלע זייטען.

וויא דיא ווילדע טהיערע זיינען זייא ארויפגעפאלען אויף זיין קערפער, האבען איהם געריסען, געשניטען, געטרעטען מיט דיא פיס אונ געשענדעט, ענדליך האט איינער אפגעהאקט זיין קאפ, האט איהם אויפגעשטעקט אויף א שפיז אונ האט איהם געטראגען אין דער הויך.

דיא ווילדע מענגע איז געווען אזוי בעשעפטיגט מיט אלמאמון, אז זיא האט גאר פערגעסען אן דיא אידען.

אונטערדעסען איז איינער פון דיא מחמדאנער געלאפען צום קעניגליכען פאלאץ אונ האט געמעלדעט, וואס עס איז פארגעקומען; קעניג באאבדיל האט צונויפגערופען זיין לייב גווארדיע אונ איז מיט זייא געלאפען צום אידישען קווארטאל זעהן, וואס דארט איז פאר־געקומען.

מען איז איהם ענטגעגען געקומען מיט אלמאמון'ס קאפ אויף א שפיז. קעניג באאבדיל האט דערקענט דעם מענשען, מיט וועלכען ער פלעגט אזוי אפט רעדען, מיט וועמען ער פלעגט זיך אזוי אפט בעראטהען.

עס האט איהם פערקלעמט ביים הארצען אונ צוויא גרויסע הייסע טראפען טרעהרען האבען זיך געקייקעלט איבער זיינע בלייכע באקען.

— אויך ער איז טויט, האבען קעניג באאבדילס בלייכע ליפען געמורמעלט, אויך איהם האט געטראפען זיין שיקזאל. אויך דיעזער קלוגער אונ פארזיכטיגער מענש איז געפאלען אין דיא הענד פון רויבער אונ מערדער....

ער האט זיך געווענדעט צום פיהרער פון דער באנדע אונ האט איהם געפרעגט:

— וואס איז דא געשעהן? פאר וואס האט איהר איהם געטייטעט?

מען האט איהם דערצעהלט, וואס דא איז פארגעקומען אונ אז אלמאמון איז א איד. אויף קעניג באאבדילס געזיכט האט זיך געוויעזען א פינסטערער וואלקען.

— אזוי? אויך דיעזער מאן האט מיך אפגענארט? אויך ער האט געזוכט זיינע צוועקע, זיין נוצען פון מיר? — דאס וואלט איך ניט געגלויבט! — יעצט פערשטעה איך, פאר וואס ער פלעגט אזוי אפט רעדען פון דאס אידישע פאלק אונ פלעגט פערטהיידיגען דיא אידען. — ער האט רעכט געהאט, ווען ער האט מיר אמאל געזאגט: „א קעניג האט קיין פריינד“.

ער האט געהייסען אראפנעהמען אלמאמון'ס קאפ פון'ם שפיז, צונויפזוכען זיינע גליעדער אונ זייא איבערגעבען דיא אידען פון גראנאדא.

ער איז נאך געווען קעניג. מען האט נאך אויסגעפאלגט זיינע בעפעהלע.

דיא קורצע נאכט איז באלד פערשוואונדען. ווען עס איז טאג

 געווארען

גענוואָרען זיינען אַלע אידען גענוועזען פֿערזאַמעלט פֿאַר זייער סינאַגאָגע, וואו עס איז געלעגען דער טויטער קערפּער פֿון רבי מיימון.

— ער איז געשטאָרבען פֿאַר אונז, האָבען זייא געזאָגט, ער האָט אונז געראַטעט מיט זיין לעבען!

אַלע האָבען געוויינט, אַלע האָבען זיך געמאַכט פֿאָרווירפֿע, וואָס זייא האָבען ניט דערקענט און האָבען ניט פֿערשטאַנען דעם גרויסען מאַן, וועלכער האָט געלעבט צווישען זייא.

דער רב האָט געמאַכט איבער איהם אַ הספּד און מען האָט איהם בעערדיגט אויפֿ'ן בית עולם אין גראַנאַדא.

— זיינע ביינער וועלען רוהען לעבען דיא ביינער פֿון זיינע עלטערן, האָט דער רב געזאָגט אין זיין הספּד, וואו וועלען אָבער רוהען אונזערע ביינער? וואו וועלען מיר צום לעצטען מאָל אַניעדערלעגען אונזער קאָפּ?

8.

קעניג באַאבדיל פֿאָהרט אַרוים פֿון גראַנאַדא.

דעם אַנדערן טאָג אין דער פֿריה, איז דיא זון אַרויסגעגאַנגען שעהן און פֿריש, ווייא געוועהנליך, און האָט ווידער בעלייכטעט אַ רוהיגע שטאָדט.

דיא אַראַבער זיינען זיך צוגאַנגען אין זייערע הייזער און האָבען זיך געלעגט שלאָפֿען: דיא אידען האָבען זיך געאיילט צוא בעערדיגען דעם גרויסען מאַן, וועלכען זייא האָבען פֿערלאָרען. אין דיא גאַסען איז געווען אַזוי שטיל, אַז מען האָט בעקענט הערן דאָס שטילסטע וואָרט, דעם קלענסטען גערויש. מען האָט אָבער קיינעם ניט געזעהן און קיינעם ניט געהערט.

אויף אַ באַלקאָן אין זיין קעניגליכען פּאַלאַץ איז געשטאַנען קעניג באַאבדיל און האָט געקוקט אויף זיין שטאָדט, אויף זיין אונטערגעגאַנגענעם קעניגרייך, וועלכעס ער זעהט היינט צום לעצטען מאָל.

היינט מוז ער אַרויספֿאָהרען פֿון גראַנאַדא און איבערגיבען דיא שטאָדט, דאָס לאַנד און זיין קרוין צום שפּאַנישען קעניג.

— מיט היינטיגען טאָג ענדיגט זיך מיין מאַכט, מיין הערשאַפֿט און מיין גרויסקייט, האָט ער געזאָגט צוא זיך אַליין. יעצט בין איך נאָך קעניג, הערשער, געביעטער, אין אַפּאָר שטונדען אַרום וועל איך זיין באַאבדיל עלחאַקים, אַ מענש, גלייך מיט אַלע אַנדערע. — וואָס

האב איך אבער אייגענטליך פערלארען? — מיר האט דיא קרוין גע־בראכט נור ליידען אונ שמערצען. — בין איך דען יעצט ערגער, ווען איך טראג ניט קיין קרוין אויפ'ן קאפ? איך בין דער זעלבער מענש, איך טראג אבער ניט אויף מיר אזא שווערע משא. איך דארף מיך פאר קיינעם ניט פערענטפערן, איך דארף מיך פאר קיינעם ניט אויס־פייגען, פאר קיינעם זיך ניט פערשטעלען. איך קען יעצט לעבען שטיל אונ רוהיג אין א ווינקעלע, וואו אלע וועלען מיך פערגעסען אונ אונ איך וועל אלעם פערגעסען.

ער האט זיך אומגעקוקט אין אלע זייטען אונ האט דערזעהן דעם פאלאץ פון פרינץ מוזא. — וואו ביסט דוא יעצט, מיין טהייערער פריינד? האסט דוא געפונען דיא רוהע, וואס דוא האסט געזוכט? — דוא האסט ניט געוואלט איינבויגען דיין שטאלצען קאפ פאר דיא פרעמדע, פאר דיא שפאניער אונ ביסט אנטלאפען. האסט דוא רעכט געהאט? — יא, דוא האסט רעכט געהאט, דוא האסט מיר אמאל געזאגט, אז דוא האסט קיין מיטלייד מיט מיר, דוא בעדויערסט מיך ניט. איך זאל ליעבער שטארבען וויא א קעניג, אלס לעבען, וויא א שקלאף. — שטארבען איז לייכט, לעבען אונ איבערטראגען שווערעס שיקזאל, דאס איז א העלדענטהאט, שטארבען הייסט ליידען נור איינגע מינוט, לעבען הייסט ליידען בעשטענדיג. ווער עס איז מעהר העלד: דער מענש, וועלכער קען ניט איבערטראגען זיין שיקזאל אונ טייט זיך אום צוא ענדיגען זיינע ליידען, אדער דער מענש, וועלכער איז שטארק גענוג צוא טראגען זיינע ליידען אונ זיינע שמערצען? — ניין, פרינץ מוזא! איך וועל ניט איינגעהמען קיין גיפט, איך וועל מיך ניט טייטען, איך וועל איבערטראגען מיינע ליידען, וויא א העלד.

אונטען האט מען געהערט שווערע טריט פון פערד אונ פער־שטיקטע שטימען פון מענשען.

— וואס איז דאס? האט ער געפרעגט דערשראקען, זאלען זייא זיך שוין פערטיג מאכען אויף דער רייזע? — אזוי פריה? — וואס האבען זייא קיין צייט ניט?

ער האט ווידער אנגעהויבען צוא קוקען אויף דיא שטאדט, אויף דיא מויערן, אויף דיא גאסען, אויף דיא איינציגע מענשען, וועלכע האבען זיך געוויזען אויף דיא גאסען. ער האט דערזעהן פון דער ווייטענס דעם פאלאץ, וואו זיינע עלטערן ליעגען אונ שלאפען זייער אייביגען שלאף.

— דארט ליעגען זייא גאנץ רוהיג, האט ער ווייטער געזאגט צוא זיך אליין, זייא פיהלען ניט, אז פרעמדע וועלען אריינקומען אין זייער שטאדט; עס הארט זייא ניט, וואס אויף דיא מויערן פון גראנאדא

ווערט וועהן דיא פאהן מיט'ן קרייץ. זייא שלאפען געשמאק, זייא פיהלען ניט, וויא עס ציטערט, וויא עס קלאפט דאס הערץ פון זייער אונ־גליקליכען עניקעל. זייא איז בעסער. זאל איך אבער זייא מקנא זיין? — ניין, דעם לעבעדיגען הינט איז בעסער פון דעם טויטען לייב. זא לאנג מיר לעבען, קענען מיר זיך נאך העלפען. — נאכ'ן טויט .... אך! דער טויט פערדעקט פון אונז א וועלט, וועלבע מיר קענען ניט. דער טויט איז פערניכטונג.

אזוי איז ער געשטאנען אונ האט גערעדט צוא זיך אליין. ער האט געוואלט זיך שטארקען, זיך מאכען הארץ, זיך בעהערשען, ניט ארויסווייזען, וואס ער האט געפיהלט אונ וויא וועה עס איז איהם געוועזען צוא פערלאזען זיין לאנד אונ זיין קרוין.

אין הויף האט מען אנגעהויבען צוא רוישען אונ צוא קלאפען שטארקער, מען האט געהערט שטילעס, פערשטיקטעס וויינען. קעניג באאבדיל האט עס מעהר ניט געקענט אויסהאלטען אויפ'ן באלקאן אונ איז ארויפגעגאנגען אין זיין צימער. דארט האט ער געטראפען זיין גראס וועזיר יוסוף אונ דעם שעף פון זיין לייב גווארדיע. ביידע זיינען געוועזען טרויעריג אונ פערוויינט.

דער אלטער גראס וועזיר האט געוואלט עפעס זאגען, דיא ווערטער זיינען אבער געבליעבען שטעקען אין זיין האלז אונ האבען איהם גע־ווארגען: ער האט ניט געקענט ארויסזאגען א ווארט.

— עס איז שוין צייט? האט באאבדיל געפרעגט, מיר דארפען שוין ארויספאהרען? — נון, דאן גיב איבער דיא פעסטונג אונ דיא אלהאמברא אונ קום צוא מיר. יעצט בין איך ניט מעהר דיין קעניג, איך בין דיין פריינד.

דער גראס וועזיר האט ניט געענטפערט. ער האט זיך טיעף פערנייגט, איז ארויסגעגאנגען אין הויף, האט זיך געזעצט אויף זיין פערד אונ איז ארויסגעפאהרען פון שטאדט. ער איז געפאהרען אין לאגער פון קעניג פערדינאנד איהם מעלדען, אז ער מעג אריינקומען אין גראנאדא.

געגען צוועלף אוהר איז פון שפאנישען לאגער ארויסגעפאהרען קעניג פערדינאנד, קעניגין איזאבעללא אונ א גאנצע ארמעע פון גע־נעראלען, אפיציערן אונ האף לייט. אלע זיינען געוועזען אנגעטאהן אין זייערע שענסטע אונ רייכסטע קליידער. אלע האבען געפינקעלט פון גאלד, זילבער אונ ברילליאנטען.

פאראויס איז געפאהרען דער ארכי בישאף פון אווילא אויף א שנעע ווייסען פערד, הינטער איהם איז געגאנגען א לאנגע רייהע (שורה) פון מענכע אין שווארצע קליידער.

הינטער דיא גייסטליכע איז געפאהרען קעניג פערדינאנד אויף א שווארצעס פערד, וועלכעס איז געווען בעהאנגען מיט גאלד אונ זילבער. קעניגין איזאבעללא איז געזעסען אין א קארעטע פון יענער צייט, א גרויסער סאמעטענער שטוהל אויף פיער רעדער.

הינטער זייא זיינען געקומען דיא גענעראלען, אפיציערן אונ האף לייט. יעדער האט געטראגען זיינע בעסטע אונ שעהנסטע קליידער. יעדער האט געוואלט ווייזען, אז ער איז רייך אונ פארנעהם.

אלע זיינען געפאהרען שטיל אונ ערנסט. יעדער האט געפיהלט, אז היינט איז א גרויסער טאג. עס האט זיך געענדיגט א קריעג, וועלכער האט געדויערט גאנצע ניין יאהר, אלע האבען געוואוסט, אז יעצט געפינט זיך גאנץ שפאניען אונטער איין הערשער, איין קעניג. דיא הערשאפט פון דער האלבער לבנה האט אויפגעהערט אין שפאניען אויף אייביג.

ווען דיא גייסטליכע אונ דיא סוויטע פון קעניג פערדינאנד אונ קעניגין איזאבעללא זיינען אריינגעפאהרען אין דיא טויערן פון גראנאדא, זיינען אלע אראפגעגאנגען פון זייערע פערד, זיינען געפאלען אויף דיא קניע אונ דיא גייסטליכע האבען אנגעהויבען צוא זינגען א לויב געזאנג צוא גאט דער פאר, וואס ער האט איבערגעגעבען אין זייערע הענד דיעזע פעסטע שטאדט.

אין דער צייט, וואס קעניג פערדינאנד מיט זיין סוויטע איז אריינגעפאהרען אין גראנאדא, איז קעניג באאבדיל מיט זיין סוויטע ארויסגעפאהרען פון קעניגליכען פאלאץ, פון אלהאמברא.

פון איין זייט איז אריינגעפאהרען א קעניג אין שטאדט, פון דער אנדערער זייט איז ארויסגעפאהרען א קעניג. ביידע קעניגע האבען געמוזט זיך בעגעגענען. ביידע הערשער האבען געמוזט זיך צוזאמענקומען. דיא העפליכקייט האט געפאדערט, זייא זאלען זיך זעהן אונ זאלען רעדען איינער מיט'ן אנדערן.

לאנגזאם, דעם קאפ אראפגעלאזען, טרויעריג אונ פערטראכט איז געפאהרען קעניג באאבדיל. הינטער איהם זיינען געפאהרען זיין אלטע מוטער, זיין געליעבטע פאטימא, זיין גראס וועזיר יוסוף אונ דיא איבעריגע האף לייט.

קעניג באאבדיל האט אויך געטראגען זיינע שעהנסטע קליידער, אבער ניט דיא צייכענס פון א קעניג.

ווען קעניג באאבדיל האט דערזעהן דעם צוג פון קעניג פערדינאנד, איז ער געבליעבען שטעהן. זיין געזיכט איז געווארען נאך בלייכער, זיין בליק נאך טרויעריגער אונ זיין שטערן נאך פינסטערער.

ער האט ניט געוואלט זיך ערנידעריגען פאר זיין זיעגער. ער איז נאך אלץ געוועזן א קעניג.

ענדליך איז קעניג פערדינאנד צוא געקומען צוא איהם. קעניג באאבדיל האט געוואלט אראפגעהן פון זיין פערד. קעניג פערדינאנד האט איהם ניט געלאזען.

— ברודער און קעניג! האט קעניג פערדינאנד געזאגט, גאט האט אזוי געוואלט. ניט איך האב דיך בעזיעגט, זאנדערן גאט. פערגעס אלזא, אז איך האב דיך בעזיעגט. איך וויל זיין דיין פריינד. איך וועל זיין שטאלץ צוא האבען פאר א פריינד אזא העלד, וויא דוא.

קעניג באאבדיל האט געפיהלט דיא גאנצע ביטערקייט, וועלכע איז געליעגען אין דיא לעצטע ווערטער פון'ם פאלשען שפאנישען קעניג. ער האט איהם ניט געדאנקט און ניט געענטפערט. ער האט נור א ווינק געטאהן צוא זיין גראס וועזיר.

פיער אפיציערן פון קעניג באאבדיל'ס סוויטע זיינען ארויסגעטרעטען. זייא האבען געטראגען א סאמעטענעם קישעלע, בעניהט מיט גאלד און בעזעצט מיט ברילליאנטען. אויף דיעזעס קישעלע זיינען געליעגען דיא גאלדענע שליעסעל פון דער שטאדט גראנאדא.

— נעהם, קעניג פערדינאנד, דיא שליעסלען פון גראנאדא, האט קעניג באאבדיל געזאגט רוהיג אבער זעהר טרויעריג, דיא הערשאפט פון דער האלבער לבנה האט אויפגעהערט אין שפאניען. מיין פאלק גיט דיר איבער זייערע לעצטע פעסטונג און האפט, אז דוא וועסט זייא בעהאנדלען ניט וויא א פיינד, זאנדערן וויא אן עדעלער און גראס-מוטהיגער קעניג.

— דיין פאלק מעג האבען צוטרויען צוא מיר, האט קעניג פערדינאנד געענטפערט, מיין ווארט איז הייליג. דיין פאלק וועט האבען אלע רעכטע און אלע פרייהייטען, וועלכע עס האט געהאט אונטער זיינע אייגענע הערשער. איך וויל דיך נאך עפעס בעטען, קעניג באאבדיל, בייא אונז ווערען דיא דאמען זעהר געעהרט, היים איבערגעבען דיא שליעסעל פון גראנאדא צוא אונזער קעניגין.

קעניג באאבדיל האט גענומען דיא שליעסעל פון דעם סאמעטענעם קישעלע און האט זייא דערלאנגט דער קעניגין איזאבעללא.

איזאבעללא האט געוואלט עפעס זאגען, זיא איז אבער געוועזן אזוי פול פרייד, אז זיא האט ניט געקענט ארויסרעדען א ווארט. זיא איז געווארען רויט, און בלייך, און געל, און גרין, און האט ניט געקענט רעדען א ווארט.

קעניג באאבדיל האט עס געזעהן, ער האט פערשטאנען, וואס

עס טהוט זיך אין הארצען פון: דיעזער שטאלצער, פאנאטיש-פרומער פרויא.

— שעהנע קעניגין! האט אויסגערופען דער העפליכער, ריטערליכער באאבדיל, דוא האסט בעזיעגט דיא מחמדאנער מיט'ן שווערד, יעצט בעמיהע זיך זייא צוא בעזיעגען דורך דיא וואפען, וועלכע א פרויא אונ א קעניגין דארף געברויכען: פריינדליכקייט, גוטסקייט אונ מילדע. זייא גוט געגען דיינע נייע אונטערטהאנען, מאך זייא פאר דיינע קנעכט דורך ליעבע אונ פריינדליכקייט.

דאן האט ער זיך געווענדעט צוא ביידען, צוא קעניג פערדינאנד אונ קעניגין איזאבעללא אונ האט זייא געזאגט:

— איך וויל אייך מעהר ניט אויפהאלטען, ביא אייך איז היינט א פייער טאג, א יום טוב, ביא מיר אבער··· ערלויבט מיר, איך זאל נעהמען אבשיעד פון אייך.

— לאמיר איהם גיבען א ווינק, אז ווען ער זאל אננעהמען דעם קריסטליכען גלויבען, וועט ער ווערן אונזער בעסטער פריינד, האט קעניגין איזאבעללא געזאגט שטילערהייט צוא איהר מאן.

— אום גאטעס וויללען! איז דען יעצט דיא צייט דער פון? האט קעניג פערדינאנד אויסגערופען. — ווארט! ער וועט ניט אנטלויפען! מיר האבען דאך איהם אין דיא הענד!

קעניג פערדינאנד האט זיך דאן געווענדעט צוא קעניג באאבדיל אונ האט איהם געזאגט פריינדליך:

— פאהר געזונדערהייט, ברודער! פערגעס, וואס עס איז גע-שעהן! מיר וועלען זיך נאך ווידער זעהן.

א ביטערער שמייכעל האט זיך געוויעזען אויף קעניג באאבדילס בלייכע ליפען. ער האט זיך פערנייגט גאנץ העפליך פאר קעניגין איזאבעללא אונ פאר קעניג פערדינאנד אונ איז לאנגזאם אוועק-געפאהרען.

א זאנדערבארע סצענע האט זיך יעצט אפגעשפיעלט. פון איין זייט זיינען אריינגעפאהרען אין שטאדט דיא שפאניער מיט געזאנג, מיט פויקען אונ טראמפייטען, מיט פרייד אויף זייערע געזיכטער אונ צו-פריעדענהייט אין הארצען. פון דער אנדערער זייט איז ארויסגעפאהרען קעניג באאבדיל מיט זיין סוויטע, דיא קעפ אראפגעלאזען, טרויעריג, ניעדערגעשלאגען אונ פערצווייפעלט. דיא פרויען האבען געוויינט שטילערהייט, דיא דיענער אונ דיא האף לייט פון קעניג באאבדיל האבען פערדעקט זייערע געזיכטער אונ האבען פערשלונגען זייערע טרעהרען.

ענדליך זיינען זייא ארויסגעפאהרען פון שטאדט. קעניג באאבדיל

האט געגעבען זיין פערד דיא שפארען אונ האט אנגעהויבען צוא לויפען, וויא אוואהנזיניגער. זיין סוויטע האט קוים געקענט איהם נאכהאלטען, ער איז אזוי ארויפגעלאפען אויף א בערגעל. דארט איז ער געבליעבען שטעהן. פון דארט האט ער נאך געקענט זעהן דיא ווייסע טהורעמס פון גראנאדא.

איינינע מינוטען איז ער געשטאנען אונ האט בעטראכט דיא געגענד ארום. אלע זיינע מענשען האבען זיך אומגעקוקט. זייערע אויגען זיינען געווען פערוויינט. קעניג באאבדיל האט עס לענגער ניט געקענט אויסהאלטען. ער האט פערדעקט זיין געזיכט מיט דיא הענד אונ האט אנגעהויבען צוא וויינען, וויא א קליין קינד.

דיא שאנדע, דער פערדרוס האבען ענדליך בעוועלטיגט (גובר געווען) דעם שטארקען מאן אונ האבען איהם געבראכען. ער האט מעהר ניט געקענט איינהאלטען זיינע טרעהרין, ער האט זיך מעהר ניט געקענט בעהערשען, דיא טרעהרין האבען זיך אליין געגאסען פון זיינע אויגען.

זיין שטאלצע מוטער, דיא קעניגין אעישא, האט זיך געווענדעט צוא איהם אונ האט געזאגט מיט א ביטערן פארוואורף:

— דוא וויינסט יעצט וויא א פרויא דער פאר, וואס דוא האסט ניט געקענט זיך פערטהיידיגען, וויא א מאן.

באאבדיל האט א ציטער געטאהן. דיעזער פארוואורף פון זיין מוטער האט איהם געשטאכען, וויא מעססער. ער איז שיער ניט אומגעפאלען פאר שמערץ.

אין דיעזע מינוט איז צוא איהם צוגעלאפען זיין געליעבטע, פאטימא, האט איהם ארומגענומען, האט איהם צוגעפרעסט צוא איהר הארצען אונ האט אויסגערופען:

— הער איהר ניט! הער ניט דיעזע שטאלצע פרויא! ערשט יעצט ביסט דוא גרויס! ערשט יעצט ביסט דוא עדעל! אין דער נויט דערקענט מען דעם עדעלען כאראקטער. ערשט יעצט ליעבע איך דיך! וואס הארט דיך דיא קרוין, דיא ליעבע איז טהייערער פון אלע קרוינען אין דער וועלט! — קום מיין געליעבטער! קום, מיין קעניג! קום מיט מיר, ליכט פון מיינע אויגען! איך וועל זיין דיין שקלאפין, דיין דיענערין, דיין טרייסטערין אונ דיין פריינדין! *)

*) דיעזע גאנצע סצענע, וויא דאס געשפרעך צווישען קעניג באאבדיל, זיין מוטער אונ זיין געליעבטע, זיינען היסטאריש וואהר; דיא שפאנישע, וויא דיא אראבישע געשיכטע שרייבער פון יענער צייט האבען זייא אזוי בעשריעבען.

קעניג באאבדיל האט זיך אפגעווישט דיא טרעהרען פון דיא אויגען, האט ארומגענומען זיין געליעבטע, האט איהר אקוש געטאהן אין קאפ אונ האט אויסגערופען:

— אללאה אכבאר! גאט איז גרויס! דוא, מיין געליעבטע פאטימע, האסט מיר קיין מאל ניט געחנפעט, ווען איך בין געוועזען גרויס אונ דוא מאכסט מיר קיינע פארווירפע אין מיין אונגליק. קום מיט מיר! גאט וועט אונז ניט פערלאזען! גאט וועט אונז טרייסטען.

מיט דיעזע ווערטער איז ער ארויסגעפאהרען אין א טיעפען טאהל אונ איז אוועקגעפאהרען צוא דעם שלאס, וועלכען קעניג פערדינאנד האט איהם געשענקט.

ווען עס הייבט זיך אויף א ווינט אין יענעם טאהל, הערט מען עפעס קרעכצען, עפעס זיפצען, עפעס טרויערן אונ עפעס וויינען. דער טאהל גיט ארויס אזעלכע טרויעריגע שטימען, אז דיא איינוואוינער פון יענער געגענד האבען מורא ארויסצוגעהן פון זייערע וואוינונגען, ווען דער ווינט רוישט אין יענעם טאהל.

דיא אבערגלויביגע שפאניער גלויבען, אז דאס זיפצען פון קעניג באאבדיל איז פערגליווערט געווארען אין יענעם טאהל, איז געבליעבען אין דער ערד אונ אין דיא שטיינער. יעדעס מאל ווען עס ווערט אשטורעמווינד, ווען דער ווינט הייבט אן צוא וועהן, וועקט ער אויף דיעזע זיפצען אונ זייא לאזען זיך הערען איבער דיא גאנצע געגענד.

זייא רופען דיעזען טאהל El ultimo Sospiro del Moro, „דער לעצטער זיפץ פון דעם מאהרען קעניג“. דיא שפאניער פלעגען רופען דיא אראבער: מאהרען אדער מאריסקען.

ווער עס רייזט אין שפאניען אונ קומט קיין גראנאדא, ווייזען איהם דיא איינוואוינער דיעזען זאנדערבארען טאהל אונ ערקלערען איהם, פאר וואס ער הייסט אזוי.

9.

דער לעצטער זיפץ פון דיא אידען.

קעניג פערדינאנד האט ניט געהאלטען זיין ווארט. קוים האט ער אפגענומען גראנאדא אונ קעניג באאבדיל האט זיך בעזעצט אין זיין איינזאמען שלאס אין דיא בערג פון אלפאקסאר, האט ער איינגעפיהרט דיא אינקוויזיציאן אין גראנאדא.

מען האט אנגעהויבען צוא צווינגען דיא מהמדאנער אנצונעהמען דעם קאטוילישען גלויבען. דיא מהמדאנישע מאשעען (מעטשעטען) האט מען צוא גענומען אונ מען האט געמאכט פון זייא קירכען. קאטוילישע גייסטליכע פלעגען צווינגען דיא מהמדאנער, זייא זאלען געהן אין דיא קירכען אונ זאלען הערן, וויא דיא קאטויליקען בעטען גאט.

ערגער פון אלעמען איז געוועזען דיא אידען פון גראנאדא. וואס זייא האבען פאראויסגעזעהן, פאר וואס זייא האבען מורא געהאט, דאס איז געשעהן. קעניגין איזאבעללא האט געטראכט, וויא צוא מאכען זייא פאר קריסטען אונ קעניג פערדינאנד האט געזוכט אויס-צוקוועטשען פון זייא זייער געלד אונ זייא ארויסצוטרייבען.

אין דעמזעלבען יאהר אין 1492 האט קעניגין איזאבעללא ארויס-געשיקט קריסטאפאר קאלומבוס מיט דרייא שיפען אונ ער האט ענט-דעקט אמעריקא.

דעם 11טען אקטאבער האט קריסטאפאר קאלומבוס ענטדעקט אמעריקא אונ דעם 11טען אויגוסט 1492, אלזא מיט צווייא מאנאטע פריהער, האט קעניג פערדינאנד ארויסגעגעבען אבעפעהל, אז אלע אידען, וועלכע ווילען ניט אנגעהמען דעם קאטוילישען גלויבען, זאלען אין אין דער צייט פון 30 טעג ארויספאהרען פון שפאניען.

דיא אידען פון שפאניען האבען עס צוואר פריהער געוואוסט אונ האבען ערווארטעט דיעזען בעפעהל פון טאג צוא טאג, זייא האבען אבער נאך אלץ געהאפט, אז קעניג פערדינאנד וועט זיך איבערלעגען אונ וועט זייא ערלויבען צוא בלייבען אין לאנד.

קעניג פערדינאנד האט צוואר געוואוסט, וויא צוא שעצען דאס אידישע פאלק, אלס דאס איינציגע פאלק אין שפאניען, וועלכעס איז פעהיג צום האנדעל אונ צוא בויען פאבריקען. דער גראס אינקוויזיטאר אבער, טהאמאס דע טארקוועמאדא, האט געפאדערט, אז מען זאל דיא אידען ארויסטרייבען.

— צוא ערשט דיא אידען, דאן דיא אראבער, האט ער געזאגט, זייא מוזען אנגעהמען דעם קאטוילישען גלויבען, אדער ארויספאהרען פון לאנד.

אונ קעניג פערדינאנד האט איהם צוליעב געטאהן אונ האט ארויסגעגעבען דעם בעוואוסטען בעפעהל.

דיא אידען פון שפאניען האבען פערקויפט, וואס זייא האבען געקענט פערקויפען, האבען צוא בראכען אונ פערניכטעט אלעס, וואס זייא האבען ניט געקענט, ניט פערקויפען אונ ניט מיט נעהמען אונ זיינען

זיך

זיך צוגויפגעפאהרען קיין קארדאווא, וואו עס האט געוואוינט דער גרעסטער מאן פון יענער צייט, דאן יצחק אברבאנעל.

מען פלעגט זיך פערזאמלען יעדען אבענד און מען פלעגט זיך בעראטהען, וואוהין ארויסצופאהרען.

דאן יצחק אברבנעלס פלאן ארויסצופאהרען קיין איטאליען איז ניט אין גאנצען געלונגען. ניט אלע פירסטען פון איטאליען האבען געוואלט אויפגעהמען דיא אידען. אייניגע האבען געוואלט אויפנעהמען נור צעהן טויזענד פאמיליען, אין שפאניען האבען זיך אבער דאמאלס געפונען מעהר אלס הונדערט טויזענד פאמיליען, אדער מעהר אלס דרייא הונדערט טויזענד מענשען, פרויען און קינדער מיט געדעכענט.

וויא עס פיהרט זיך, האבען זיך דיא אידען באלד צוטהיילט אויף דרייא פארטייען. איין פארטייא האט זיך ענטשלאסען צוא דינגען שיפען און ארויסצופאהרען קיין אפריקא, דיא צווייטע פארטייא איז געפאהרען קיין פראנקרייך און דיא דריטע, דיא קליינסטע קיין איטאליען.

אזוי זיינען פערגאנגען דיא דרייסיג טאג צייט, וואס קעניג פערדינאנד האט זייא געגעבען. עס איז געקומען דער שרעקליכער אבענד, ווען יעדער האט געדארפט צוזאמפאקען זיין פעקעל, נעהמען דעם שטעקען אין דער האנד און ארויספאהרען, אויסוואנדערן וואוהין? צוא וועמען? אין וואס פאר א לאנד? דאס האט קיינער ניט געוואוסט.

איך נעהם מיך ניט אונטער צוא בעשרייבען דיא טרויעריגע סצענען פון יענער נאכט. מיין פעדער איז צוא שוואך דער צוא.

דיא גאנצע נאכט איז קיינער ניט געשלאפען. פיעלע האבען געוואלט פערקויפען זייערע זאכען, אבער קיינער האט זייא ניט גע-וואלט קויפען. מען האט געמוזט צוא ברעכען, פערניכטען אדער איבערלאזען אלעס וואס מען האט ניט געקענט מיט נעהמען.

אין דער פריה האבען זיך אלע פערזאמעלט אויפ׳ן גרויסען פלאץ פאר דיא טויערן פון קארדאווא. מיט בלייכע באקען און פערוויינטע אויגען זיינען אלע געשטאנען מיט דיא פעקלעך אויף דיא פלייצעס און האבען געווארט אויף דאן יצחק אברבאנעל. זייא האבען נאך געהאפט ביז אין דער לעצטער מינוט.

זייא האבען נאך אלץ געהאפט, דיא אונגליקליכע, אז קעניג פערדינאנד וועט זייא ערלויבען צוא בלייבען.

געגען צעהן אוהר איז אנגעקומען דאן יצחק אברבאנעל מיט

זיין פאמיליע. ער איז געוועזען טרויעריג, אָבער ניט ניעדערשלאָגען. ער האָט ניט פערלאָרען דעם מוטה. ער איז געוועזען זעהר רייך אונ האָט געקענט פאהרען אין קארעטעס, ער האָט עס אָבער ניט געוואָלט. ער האָט בעסער געוואָלט געהן צו פוס גלייך מיט אַלעמען. ער האָט ניט געוואָלט ווייזען, אַז ער איז רייכער אונ בעסער פון אַלעמען.

אַלע אויגען האָבען זיך געווענדעט צוא איהם.

עזרי מעם ד׳ עושה שמים וארץ! מיין הילף קען קומען נור פון גאָט, וועלכער האָט בעשאפען הימעל אונ ערד! האָט ער געזאָגט צוא זיינע אונגליקליכע ברידער.

דאס איז געוועזען אַ צייכען, אַז זייא האָבען מעהר ניט וואס צוא האָפען אונ וואס צוא ערוואַרטען.

אַלע האָבען אָנגעהויבען צוא וויינען.

אֵלי, אֵלי! למה עזבתני? — גאָט מיין גאָט! פאר וואס האָסט דוא אונז פערלאָזען?

אין דיעזע מינוט האָט מען געהערט פויקען אונ טראָמפעטען.

אַלע האָבען זיך אומגעקוקט.

פון קאָרדאָווא איז אָנגעקומען אַ רעגימענט סאָלדאַטען. דאס איז געוועזען דאס איינציגע, וואס דאָן יצחק אברבאנעל האָט געקענט אויסבעטען ביים קעניג פערדינאנד. ער האָט געשיקט אַ קאָנוואָי צוא בעשיצען דיא אויסוואַנדערער, מען זאָל זייא ניט בערויבען אויפ'ן וועג. דער קאָנוואָי האָט זייא געדאַרפט צוא פיהרען ביז צוא דער שפאנישער גרענעץ.

דיא סאָלדאַטען האָבען זיך אויסגעשטעלט פון ביידע זייטען. דער גענעראַל וועלכער האָט זייא קאָמאַנדירט, האָט פאָרגעלעזען דעם בעפעהל פון קעניג פערדינאנד, אַז היינט אום צוועלף אוהר מוזען דיא אידען אויסוואַנדערן פון שפאניען, אָדער אָננעהמען דעם קאַטוי-לישען גלויבען.

ווען ער האָט געענדיגט לעזען, האָט ער קאָמאַנדירט:

פויקען אַ מאַרש!

דיא סאָלדאַטען האָבען אָנגעהויבען צוא פויקען אַ טרויער מאַרש.

— פערטיג!

מאַרש! האָט קאָמאַנדירט דער גענעראַל.

דיא אידען האָבען אָנגעהויבען צוא געהן.

דער אָרט, פון וואַנען דיא אידען האָבען אויסגעוואַנדערט, איז אויך בעקאַנט דעם שפאנישען פאָלק. דיא שפאניער ווייזען יעצט

דעם

דעם רייזענדען דעם גרויסען פלאץ פאר דער שטאדט קארדאווא און זאגען:

— דא האבען דיא אידען געגעבען זייער לעצטען זיפץ.

זייט דער קראנפרינץ פון שפאניען, דאן זשואן, האט זיך צום לעצטען מאל געזעהן מיט לאהל'ע, איז ער געווארען טרויעריג, און־מוטהיג און האט אנגעהויבען צוא קרענקען. ער איז געשטארבען דריא מאנאטע שפעטער נאך דעם ארויסטרייבען פון דיא אידען פון שפאניען.

ווען קעניג פערדינאנד איז געשטארבען, איז זיין טאכטער יאהאננא געווארען קעניגין פון שפאניען.

ענדע דעם צווייטען טהייל.